# „די צייט“

געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין איירּאָפּע.)

# ירושלים

לידער פּאָעמעס באַלאַדעס

אַ בוך .פון 140 זייטן

פון

**א. נ. שטענצל**

צו באַקומען
אין אַלע בוכהאַנדלונגען
אין ווייטשעפּל

פרייז: 7 שילינג און 6 פּענס

פּראָפּאַגאַנדע-קאָמיטעט
פון דעם
**ארבעטער-רינג**
22, עלי סטרים, אלדגיים, א.1.
יעדן דאָנערשטיק 7.30 אָוונט
און
יעדן זונטיק 5.30 נאָכמיטיק
קומען פאַר
אינטערעסאַנטע באַלערנדיקע

**רעפעראַטן לעקציעס**

איבער וויכטיקע קולטורעלע פּאָליטישע
ליטעראַרישע און אַלגעמיינע ענינים

ווענן אַלע אײנצלהייטן זיך צו ווענדן
צום גענעראַל-סעקרעטאַר:
**ווער א מיטגליד פון ארבעטער רינג**

די סוף־חודש זונמיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון“ ביי „בן־אורי“
זונטיק 27־טן פעברואַר 8 אָוונט
אין לאָקאַל פון
**„בן-אורי“ קונסט גאלעריע**
14 פּאָרטמען סטרים וו.1.
**יידיש - היסטארישער ראמאן**

עס וועלן זיך באַטייליקן מיט רעציטאַ־
ציעס און רעדעס:
משה עובד, אייזיק גאָלדבערג, י. ביעטש
אליהו פּאָלושאַק.
אריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי פאַר מיטגלידער!
1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער
זיסע טיי און צובייסן


*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

104

# לשון און לעבן

**תודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.**

נומער 3 (העפט 110) — **צענטער יאָרגאַנג** — מערץ 1949 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**אינהאַלט:**

מאַסקעס (לכבוד פורים תש״ט) .......... ** 1
דער אַלטער בוים (פּראָלאָג) .......... רחל דון יחיא 4
זאָג מיר אהביאל (פּאָעמע) .......... משה עובד 7
זמרי (דערציילונג) .......... עבר הדני 9
די גרויסע יידישע רעוואָלוציע (עסיי) .......... לעאָ קעניג 15
אַ גאָט, נאָך וואָס האָסט דו אַ האַרץ מיר געגעבן? (ליד) .. שמואל וויהם 19
היינריך גרעטץ און די יידישע געשיכטשרייבונג .. פּראָפ. ד״ר משה שאַר 20
שאול טשערניכאָווסקי (עסיי) .......... שלמה אויערבאַך 26
אליעזר בן־יהודה דער פּיאָנער פון העברעאיש אין ארץ ישראל
צום 25יאָריקן יאָרצייט .......... מתתיהו פּאָפּירמייסטער 32
שלחמנות אין אַ קליין טעלערל (צוויי צייט סאַטירעס) .... א. נ. שטענצל 35
רב כדת און רב מטעם (לכבוד פורים, פאָלקלאָר) .. יחזקאל נח ערליכמאַן 39
אַ לעיעלעס דער דיכטער און דראַמאַטורג (60 יובילעום) זכריה הערשמאַן 41
בן־אַ סאָבאָטשעווסקי צום 60 יובל (צייכנונג) .. מאָריס סאָבאָטשעווסקי 43
מיין טאַטע דער סופר און אַנדערע פּאָעמעס (רעצענזיע) .. י. ש. טויבש 14
יוסף הלל לעווי (צייכנונג) .......... ריכאַרד אַדלער 50
„דער משפט“ פון מאָריס קאַץ (נאָטיץ) .......... פּראָפ. א. א. ראָבאַק 51
צייכנונג .......... מאָרים סאָבאָטשעווסקי 51
אויף די פרישע קברים פון מנחם באָריישע און ז. סעגאַלאָוויטש
פאַר חוה ראָזענפאַרב, צו איר באַזוך אַצינד אין לאָנדאָן ....... ש. 52
ל. האָכשטיינס באַגריסונג צום צענטן יאָרגאַנג פון לשון און לעבן ....... 56
איסט און וועסט (אַ לאָנדאָנער באַלאַדע) .......... ל. האָכשטיין 57
אַלטיטשקע מיליאָנסקעס (אַ פורים עפּיזאָד) .......... מאַרקס כהן 59
מעשה „לאַמפּעדוסאַ“ (אַן ענטפער) .......... א. וואַטערמאַן 61
קלאַראַ מיזעלס אין טעלעוויזיע (פּאָטאָ און נאָטיץ) .......... א. זאַלקאַ־ער 63
רעדאַקציע נאָטיץ .......... 64
די יידישע ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס .......... 64

## פרייז: 1 שילינג און 6 פּענים

אבאָנעמענטס־פרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר
1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

**אדרעס פון רעדאַקציע**
„לשון און לעבן“, נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטרים, לאָנדאָן א.1.

## די יונגע דיכטערין חוה ראָזענפאַרב

די פאַרפאַסערין פון די צוויי ביכער פּאָעזיע „די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד" און „דאָס ליד פון אידישן קעלנער אַבראַם", ביכער וועלכע האָבן געמאַכט אַ רושם אין דער ליטעראַרישער וועלט. זי געפינט זיך איצט אויף אַ קורצן באַזוך אין לאָנדאָן.

די „פריינט פון יידיש לשון" ווידמען איר דעם שבת נאָכמיטאָג, דעם 5־טן מערץ. און די זשורנאַליסטן און ליטעראַטן פאַריין מאַכן פאַר איר אַן אויפנאַמע זונטיק דעם 6־טן מערץ.

---

## צום יובל־באַנקעט פון בן־א סאַכאַטשעווסקי

„פריינט פון יידיש לשון" און „לשון און לעבן" שליסן זיך אָן אין די באַגריסונגען צו 60־טן געבוירן־יאָר פונם באַקאַנטן לאָנדאָנער שרייבער **בן־א סאַכאַטשעווסקי**, וועלכער ווערט געפייערט דעם 16־טן מערץ מיט אַ באַנקעט אין פּאַלמאַן רעסטאָראַן, 25 נאָעל סטריט וו.1.

---

**א האַרציקן מזל־טוב** צו אונזער פריינט און מיטאַרבעטער **יוסף הלל לעווי** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **מעלא לעווי** מיט **ריכאַרד אדלער**

פריינט פון יידיש לשון
לשון און לעבן

---

## וויכטיק פאַר אַלע וואָס פאַרשטייען יידיש

## יידישע ראַדיאָ־אוידיציעס אין וואַרשע

זונטיק, דינסטיק, דאָנערשטיק און שבת קענט איר הערן יידיש ראַדיאָ 22.10 אַ זייגער מיטל־איראָפּיאישע צייט פון דער ראַדיאָ־סטאַנציע „וואַרשע 3" אויף דער כוואַליע 48.25.

---

## צו אונדזערע אבאָנענטן, לייענער און פריינט פון

די חשובע חברים, לייענער און אַבאָנענטן דאַרפן זיך באַמיען צו פאַראינטערעסירן נייע לייענער פון „לשון און לעבן". העלפן פאַרשפרייטן דעם זשורנאַל!

און אויב מ׳שיקט אייך צו נאָך דריי חדשים דעם מאַגאַזין, שיקט תיכף צו פאַרן גאַנצן יאָר פאָראויס, ווייל מיר זיינען זייער געענגט אין געלט.

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף די פאָלגנדיקע אַדרעס:

E. Paluszak, 64 Lauriston Road, Hackney, London, E.9.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 3 (העפט 110) | צענטער יאַרגאַנג | מערץ 1949 לאָנדאָן

## מאַסקעס

(לכבוד פורים תש״ט)

I

אין טויזנט מאַסקעס אָנגעטון זיינען מיר ווי די פּאַיאַצן, ווי האַרלאַקינס, ווי אַפּאַשן, די צוויי טויזנט יאָר דורכגעלאָפן די וואַקלדיקע וועלט אַרענע. ווי האָבן מיר דאָס געווינקן און געדרייט מיט די אויגן און די גרימאַסן וואָס מיר האָבן געצויגן — — אונזער אַסימילאַציע ווי אונזער רעליגיע האָבן געטראָגן וויסאָושן פאַר די אויגן, אונזער פאָלקישקייט און נאַציאָנאַליזם האָבן אין זיך געהאַט מאַסקעראַדנהאַפטס. . . .

אונזערע תנועות און הוועיות, דאָס פּאַנטאָמינען געשליידער מיט הענט און מיט פיס, ווי האָבן זיי זיך דאָס אַזוי ידישלעך פיין צוגעפּאַסט צו אונזערע מאַסקעס.

און אַז ס׳איז נויטיק געווען, פאַרן פובליקום, האָבן מיר מעסערס געשלונגען און פייער געשפּיגן, אויפן קאָפּ זיך געשטעלט און אויף דראָטן געגאַנגען. און וואָסער קונצשטיקן אַלץ נישט באַוויזן? און דאָס אַלצדינג פאַר די פאַר אָפּגעריבענע מטבעות, אַריינגעוואָרפענע, אין דער אַרומגייענדיקע צעקלונגענע צדקה תציל ממות־פושקע.

און מיר וואָלטן געווען געבליבן אין דער וואַקלדיקער אַרענע־וועלט די אַרומגעטריבענע בערן־און מה־יפית־טענצער, ווען נישט אונזער לעצטער טויטן טאַנץ, וואו אונזערע טויטן־מאַסקעס געברענטע אויף די שייטערן־פלאַמען האָבן אויפגעלויכטן אין עכטן און ערנסטן הייליקן־שיין מיט זייער געברענטן גלאַזור.

איז יעדע תנועה אונזערע אַצינד, יעטווידערע העויה געהייליקט און געאייביקט; יעדע געטראָגענע גרימאַסן־מאַסקע אַ „פושט ולובש צורה"־געזיכט פון אַ געטלעך פאָלק — — זיי זיינען די שאַפונגען פון אונזער פאָלק מיט לייבהאַפּטיק לייב און לעבן; קרעמירנדיק אין די פייער אויוונס זיינען מיר אַרויס פלאַמיק געפאַרעמטע קעראַמיקן, וואונדערלעכע, באַוואונדערנדיקע.

ווייל מיר האָבן געטראָגן דעם איך־גאָט און זיך.—דאָס אנוכי־געוויסן אַן יעדן פסל־פסולת, — האָבן מיר, אַזוי אין טויזנט מאַסקעס געיאָגטע איבער דער וועלט, אויסגעפאַרעמט אונזער אייגענע צורה, אַזוי אַז די גאַנצע וועלט זאָל באַקומען דעם צלם אלוקים.

II

וואָס איז ער דען דער מענטש, דער בחיר היצירה, די קרוין פון די באַשעפענישן, ער טוט זיך אָן אַ מאַסקע, אַ צוגעפּאַסטע צו זיין גענגל און הלוך, אַ לעבן לאַנג אַזוי אַפּצושפּילן; און זי וואַקסט מיט אים מיט ווי דאָס הייזל פונם שליימיקן שניעק. עס קומט אַזוי ווייט, אַז אינם שפּיגל דערקענט ער שוין נישט זיין אייגענע פאַרפּעצטע צורה — כאָטש אין אייגענעם פּרצוף זיך אַריינצושפּייען!

ער איז זיך איינמאָל געפעלן געוואָרן, אין אַ באַשטימטן אויסדרוק, — ער האָט אויף זיך אַליין אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט! — וויל ער אים פעסט האַלטן דעם מאַיעסטעטישן איינדרוק, ביז ער ווערט פול מיט קנייטשן און מיט פאַלטן, גרוי און געל ווערט ער, שווייסיק און פאַרפּעצט, אין גרוב אַריין נעמט ער אים מיט — זיין יורש עצר מאַכט ער אים אַרבן!

און אַ גאָט, כביכול, קומט ער זיך פאָר, ווען ער דרייט זיך אויף ביידע זייטן, אַ צוויי פּנימדיקער — זיין לאַבן און זיין וויינען, מישטיינסגעזאָגט.

און אין זיין גאַנצן ערנסט צומאָל! אַז צוויי מענטשן טרעפן זיך שוין, זיינען זיי צוויי מאַסקעס, מיט אויסגעדרייטע הינטנס, וואָס לאַכן אָפּ איינער פון צווייטן — אַזאַ פּנים האָט ער דער מענטש!

אָ, אונזער געוויין און אונזער געלעכטער, אַ מאַסקע פון אַ ממזר־גאָט, אַ סאַטיר האָט דער מענטש זיך אָנגעטון אויף זיין פּנים, טאָ ווי אַזוי קאָן מען זיך נעמען ערנסט, אַז די עפּידערמיס איז קוים באַפּאָדערט, די ליפּן־שליים־הויט אָפּגעמאָלן און איבער די אויגן דער דינער קויל־שטריך אַזוי פראַגעצייכנעריש געצויגן — —

אַז אין תוך איז די גאַנצע ציוויליזאַציע, דער גרויסער קונסטשטיק ווי אַזוי מענטשן קעפּ צו סקאַלפּירן! און זיין העכסטע וואָרט שאַפונג בינדט ער אין מענטשן־הויטן, און זיין גאָט איז אַ טויטן־מאַסקע אויפגעהאַנגען אויף אַלע ראַגעס.

III

אויב די צוויי טויזנט יאָר, דער לאַנגער מאַסקעראַדן־וואַנדל אונדזערער איבערן כדור־הארץ, דער כסדרדיקער מאַסקן־טויש, וואָלט בסך־הכל נאָר געווען אַ פאַרשטעלעניש אַזאַ, אַ באַהעלטעניש־שפּיל בלויז, אַז מען זאָל אונז נישט דערקענען: אַמאָל אַרויסגעשטויסן אונז פונם זאָטל און דאָס וויזיר אויפגעבראָכן, יאָגן מיר אויף טויזנט וועגן און טונקעלע אומוועגן, צוריק געפּאַנצערטע אויפן פערד זיך אַרויפצובאַקומען, — צוריק אין דעם זיך איינמאָל געפעלענעם אויסדרוק זיך צו זען! — אויב דאָס וואָלט באמת אַזוי געווען, וואָלטן דאָך גערעכט געווען אונזערע גאַנצע שונאים, וואָס זיי זאָגן אַלץ איבער אונז און אונזערע האַלבע פריינט, וואָס זיי טראַכטן איבער אונז —

אַ מה יפית־טאַנצנדיקער מאַסקע אין טויזנט תנועות און קונציקע הועיות **אונזער גאַנצע רעליגיע; ווי אַ גרימאַסן מאַסקע, אַ שלעכטע נאָכגעקרימטע, ס'איז** די אַסימילאַציע; דער תלמוד דער שפּעקולאַציע טעקסט פאַר דעם אַפּגעבליאַ־



קעוועט רעקוויזיטן־שפּיל; דער רמב״ם מיט זיין אַריסטאָטעלעס די אַראַבישע־מזרח־וועלט איבערצוכיטרען, ווי דער בעל־שם, מיט זיין מיסטיק — די קאַטוילישע אייראָפּעאישע — — —

און שפּינאָזע און מאַרקס און פרויד — יידישע האַרליקינס, אַפּאַזשן, פּאַיאַצן, אין וויסאַזשען, די ציוויליזאַציע, די אייראָפּעאישע קולטור אין זייערע הענט אַריינצובאַקומען — —

און אונזער מאָדערנער יידישער קולטור און ליטעראַטור ווילן מיר זי אַליין נישט באַגראָבן, חלילה, קבורת־חמור?

יאָ, אונזערע שונאים וואָלטן באמת גערעכט געווען: מאַסקעס־און פּאַסקעס־שפּילער זיינען מיר, אַ קאַרנעוואַל־וואָקכענאַליע, אַמאַסקעראָדע אַזאַ ציען מיר איבער דער וועלט! אין דער שפּיץ פון דער צערעמאָניע די ראַביים מיט די קלין־געשפּיצטע חרבונה בערדלעך, די ויזתא־אַראָפּהענגענדיקע שניפּסן פון פאַרנט, און די רעוורענדס מיט די פאַרדרייטע קראַגענס און אין די טענדעווערענדעס פירן דעם קאַרנעוואַל־צוג — — —

און בראש די שטייפע אַפּיל־דירעקטאָרס אין די הויכע צילינדערס.

IV

אפשר וואָלט עס טאַקע אַזוי געווען, — האָבן דאָך מאַנכע פון אונז צומאָל אויך אַזוי געטראַכט! — מיר זיצן צוריק אינם זאָטל, דעם קאָפּ אינם וויזיר, דאָס מאַסקע פּנים אין געהאַרטעוועטן פעסטן אויסדרוק; מיר זיינען ככל הגוים, מענטשן מיט מענטשן גלייך — אונזער צוויי פּנימדיקייט מאַכט איינדרוק! אפשר וואָלט עס, נאָך מענטשליכן געדאַנק נאָך, אַזוי געווען, אַנדערש אָבער האָט אונזער האַרטער גורל געטראַכט און געוואָלט, אַנדערש האָט געהאַנדלט אונזער געשיכטע — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און מיר זיינען עומד בנסיון געווען! און נישט אַ פּורים־שפּילער מאַסקעראַדע וועט בלייבן אונזער צוויי טויזנט יאָריקער גאַנג, נישט אַפּגעבליאַקעוועטע מאַסקעס וועלן בלייבן נאָך אונז, געל־גרינע, פאַרשטויבטע אינם רעקוויזיטן קאַמער — אויף די מיילן־שטיינער פון אונזער לאַנגן שטרויכל־גאַנג געברענטע קעראַמיק־געשטאַלטן, ליכטיק לויכטנדיקע, אין גלאַנץ פון זייער גלאַזור, די יצירה פון דורות און די צורה פון אונזער עתיד.

אָ, דער וואונדערלעכער באַוואונדערטער מאַקאַבער־טאַנץ, — פאַרבלוטיקטע, פאַרוואונדיקטע ביי לעבעדיקן לייב צו קבורה געקומענע! — מיט וועלכע מיר זיינען אויפגעשטאַנען תחית־המתים, דורך וועלכע מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט געפּאַנצערטע און באַפרייטע — —

**און ווידער וועט אונזער געשיכטע פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גלויבן פאַרן מענטש; אין אַ „זה אלי ואנוהו“־עקסטאַז, אין אַ „ליהודים היתה אורה־התלהבות, אַזוי אַז מיט אונזער גאולה וועט די וועלט ווערן, אַ פולע מיט התגלות.**

רחל דון-יחיא

# דער אלטער בוים

(פּ־אָלאָג)

דער אָפענער הימל באַלויכטן מיט גליטערנדיקע שטערן. אַ פּאָר צע־בראָכענע בענקלעך אין הערבסט גאָרטן. דער ווינט בלאָזט, די בלעטער פאַלן פון אלטן פרוכט־בוים. פון אַ ווינקל אויף אַ באַנק הערט זיך דער אָטעמען פון שלאָפעדיקע מענטשן. (דורך פאקוסן פון ליכט און שאָטנס ווערט די אַט־מאָספערע מיסטעריעז). ווי אַרויסגעוואַקסן פון דעם בוים שטעלט זיך אויף דער וואַנדערער אין אָפּגעריסענע קליידער. דער פּנים פאַרהילט מיט אַ ברייטן שאַל, אַ פּעקל אויפן פּלייצע און אַ שטעקן אין האַנט. ער שטייט פאַרטראַכט, די אויגן צום הימל, אַרויסריידנדיק די פאָלגענדע ווערטער, אָן קיין שום באַ־וועגונג:

וואַנדערער: אַ צעפלאַקערטער הימל מיט יאָרצייט־ליכט פון זעקס מיליאָן פאַרשניטענע לעבנס.

פייערדיקע שטערן פלאַקערן הויך — זיי שעפּטשען: יאָרצייט־ליכט, יאָרצייט־ליכט!

מיר זענען די יאָרצייט־ליכט פון
זעקס מיליאָן אויסגעהויכטע לעבנס
אין פייער, פלאַמען, רויך —

(ער בלייבט שטיין אָן קיין שום באַוועגונג, אַזוי ווי פון אָנפאַנג. אָן עכא פון מאַסן שטימען פון אַרום און אַרום ווידערהוילט די לעצטע דריי שורות.)

(ס׳דערהערט זיך אַ באַוועגונג צווישן די שלאָפעדיקע מענטשן. תמר, יונג און שיין, אָנגעטון אין אַ לאַנגע, ברוינע טוליענע נאַכט־קלייד, קומט אַרויס. זי גייט גלייך צום אַלטן פרוכט־בוים, נעמט אַראָפּ עטלעכע געפלאָכטענע גיר־לאַנדן פון גרינע און גאָלדענע בלעטער, באַצירט מיט זיי איר שלאַנקען קער־פּער.

תמר: וואַנדערער, איז דאָס דיין לעצטע סטאַנציע? בלייבסטו די נאַכט דאָ אין גאָרטן?

וואַנדערער: און ווער ביזטו, און וואָס איז דיין נאָמען?

תמר: מיין נאָמען איז תמר — אַ טייטלבוים — איך בין הערבסט. איך בין געקומען דיך אומאַרמען; מיט רייפע, זאַפטיקע פרוכט דיך דערנערן, און פון אַלע בייזע ווינטן פון אַלע עקן פון דער וועלט דיך באַשיצן. (עפנט אירע אָרעמס, איינלאַדנדיק אים) קום צו מיר אין מיין געצעלט אַריין.

וואַנדערער: די ערד איז דורכגעזאָפּט מיט בלוט. נייע מינים פלאַנצן שפּראָצן פון איר לייב אַרויס. זאַפטיקסטע פרוכטן אין אָפּגרונט געפאַלן, אין דערנער פאַרוואַנדלט. ווי קומסטו אַהער צו מיר?

תמר: איך האָב דיין שטימע געהערט. די שטערן האָבן מיין וועג מיר



באַלויכטן. איך האָב דיך געפונען. קום צו מיר אין מיין געצעלט אַריין —

וואַנדערער: געצעלט און שוץ זענען נישט פאַר מיר. מיין וועג איז לאַנג, מיין ציל — ווייט, און די טויערן זענען געשלאָסן — —

תמר: דיינע פיס בלוטיקן, פון דערנער צעשטאָכן. לאָז זיי מיך דיר וואַשן און היילן די וואונד.

וואַנדערער: נאָר איין רופא קען היילן די וואונד; זיין נאָמען איז — צ י י ט. איך גיי מיר מיין וועג.

תמר: דו ביזט אַ צווייג פון אַן אַלטן בוים. איך בין הערבסט — די תקופה די נייע — —

וואַנדערער: ווינטן בושעווען. איין תקופה גייט פאַריבער, די צווייטע ווערט געבוירן. דער אלטער בוים, פון ווינטערס אָן אַ צאָל; פרילינגס, זו־מערס און הערבסט ווידער נאָכאַמאָל, דורכגעזאָפּט מיט זונען־פייער, גוט דער־נערט פון דער מאַמע־ערד, בויגט נישט זיין קאָפּ צו איר ברוסט.

(תמר גייט צו צו אים נענטער, וויקלט אַראָפּ דעם שאַל פון זיין פּנים. איר רעאַקציע איז ווי זי וואָלט אים פּלוצלינג דערקענט.)

תמר: עזרא! — וואַנדערער!

שטימען: (פון אַרום און אַרום) ברויט, ברויט, ברויט! וואַסער! אַ האַנט!

תמר: פון וואַנעט קומען דאָס די שטימען? — אַה, איך ווייס ווער איר זענט. איר זענט די אָפּגעהאַקטע צווייגן פון דעם ברענענדיקן בוים אין דעם העלישן פייער פון אייראָפּע. איצט האָט מען דאָ אייך אויף אָן אינזל פאַר־וואָרפן. (עזרא שטעלט זיך אויף. תמר מאַכט ווידער אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט אים דערקענט. זי שעפּטשעט: עזרא — וואַנדערער! אָבער האַלט זיך באַלד צוריק.)

עזרא: נייע שטייגן... שטייגן — שטעכל־דראָט — —

תמר: דו ביזט איך און איך בין דו. מיר ביידע זענען איינס. מיר אַלע זענען איינס. אונזער שיף איז געזונקען... די בלוט־שטורעמס פון דעם ים פון לעבן האָבן אונז אויסגעשפּיגן...

עזרא: דער גורל האָט מיך אָבער צו מיין שורש געפירט, צוריק צו דעם אַלטן בוים. דאָס לאַנד איז אַ וויסטע געווען, און איך בין איינזאַם געשטאַנען. מיט מיינע טרערן, טרערן פון איינזאַם, האָב איך באַוואַסערט די ערד..., מיט מיין שווייס זי גענערט. טיף אין דער אדמה האָב איך געגראָבן, ביז פרישע, לעבעדיקע קוואַלן האָבן אָנגעפאַנגען שפּרודלען. דער אלטער בוים האָט דאַן אָנגעפאַנגען בליען און באַלד מיט זאַפטיקע פרוכט זיך באַהאַנגען.

שטימען: נישטאָ קיין היים. מיר זענען מיד, הונגעריק, דורכגענעצט און קאַלט.

תמר: אונזער היים וואַרט אויף אייך! זונען־שטראַלן וועלן אייך דאַרטן דערוואַרעמען, די פרוכט פון דעם אלטן בוים וועט אייערע הערצער דערקוויקן.

מר. פאַבריקאַנט: (שטופּנדיק אַ האַנט־וועגעלע רופט אויס) מלביש־ערומים! מלביש־ערומים! אַלטע קליידער! מענער־בגדים, פרויען־בגדים!

איך קויף, איך קויף פאַר מזומן! מלביש־ערומים! מלביש־ערומים!
עזרא: דורכברעכן די שטעכל־דראָטענע ווענט און באַפרייען דעם וועג!
שטימען: דורכברעכן די שטעכל־דראָטענע ווענט און באַפרייען דעם וועג.
תמר: אומזיסט, ברודער, בלוטיקסטו דיין האַנט. (ער קערט ויין קאָפּ אַוועק פון איר און בלייבט שטיין פאַרצווייפלט.)
דאָ שטייען די שומרים, די היטער פון וואַנט,
די טיפּשים, די פרעמדע, מיט טויט־געווער אין האַנט;
מיט דערנער זיי פלאַנצן די וועגן און שטעגן,
וועלכע זאָלן דיך פירן צו דיין היים, צו דיין לאַנד.
עזרא: שטייגן, שטעכל־דראַט — —
תמר: קענסטו אָבער די טראָפּנס פון רעגן אָפּהאַלטן, ווען די וואָלקנס אין הימל זענען איבערפולט, אָנגעלאָדן? קענסטו די שטראַלן צו דער זון צוריק־קערן, ווען די דורשטיקע ערד טוט זיי איינזאַפּן?
עזרא: שטייגן! שטעכל־דראָט!
שטימען: שטייגן! שטעכל־דראָט!
עזרא: צווייגן קען מען אָפּברעכן,
האַקן און ברענען דעם בוים.
דער שורש אַלץ שטאַרקער,
די וואָרצלען אַלץ ברייטער
פאַרשפּרייטן זיך טיפער און טיפער.
שטימען: שטייגן! שטעכל־דראָט!
תמר: שפּראָצן פון שורש נייע פלאַנצן אַרויס. אין קאַלטע, פרישע שטראָמען געטובלט. דער רופא — די צייט — היילט די ערד־שפּאַלטן; זינגט דער ווינט שירה צו דעם בוים דעם אַלטן.
תמר און עזרא: (איינער צום אַנדערן)
רוישן די ווינטן, פאַלן די בלעטער.
אין תהום ווערט פאַרזונקען דער ווייטאָק און פיין.
דעם אויסהויך פון לעבן באַלייכטן די שטערן.
גייט אויף די זון און דער טאָג ווערט געבוירן,
אַ נייער טאָג ווערט געבוירן.

„דאָס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראַם"
די נייע פּאָעמע פון די דיכטערין חוה ראָזענפאַרב
צו באַקומען ביי:
MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1
— פּרייז 5/6 —
ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי.



משה עובד

## זאָג מיר אהבי־אל*

אַ געיאָגטער האָב איך דערציילט דעם מלאך אהביאל,
בין איך געגאַנגען אויף געיעג
אַרומזוכנדיק דעם רוה־טאָג דעם שבת פון טעג.
און האָב אים דערזען פון ווייטנס אָנקומען:
אויף זיין קאָפּ אַ זיבן שפּיציקער קרוין פון פייער
און אַ בת־קול האָט אויסגעשאַלט: אהבה זיין נאָמען!

בין איך מלא־שמחה געלאָפן אין שירה היכל
איינזאַמלען קלאַנגען,
מיט אַ ליד פון ריינסטן גאָלד
אים מקבל־פּנים זיין, אים עמפּפאַנגען,
ווער זאָל זיך אויף אַזאַ בראָך רעכטן?
איך האָב געפונען דעם שירה־היכל אויסגעליידיקט
פון די פערציקענדיקע טעג פון נעכטן.

אַזוי אָבער ווי דאָס וואָרט מוז געזאָגט פאַר אַן עדות האָבן
אַזוי מוזן בשורות ווערן באַגלייט דורך זמירות,
אויב נישט — בלייבן זיי אין שאָטנס באַגראָבן.
בין איך געגאַנגען און אויפגעמונטערט,
אויסגעמוטשעטע טענער,
אָפּקלאַנגען גע׳מפּל׳טע פון אונזער אבות־הארץ,
וואָס זיינען אַן פליגל געקומען אויף דער ערד,
און אוועקגעחלשט פאַרשמאַכט
אין אונזער וועלט־נאַכט,
זיי אָנגעזויגן מיט מאַרך און גאַל
מיט בלוט און טרער פון מיין פאָלק און פון אַל,
מיטן נעקטאַר פון האָפנונג זיי מחיה געווען,
מיט בשמים פון הייליגן לעבן זיי אָנגעזאַפּט —

אוי מיין הארץ, מיין אויסגעהונגערטער מזבח,
וואו זיינען דיינע קרבנות?

אהבי־אל, דו מלאך־המשיח פון ישראל,
קענסטו מיר איינרוימען, פאַרטרויען צי נישט:

* דער דאָזיקער פראַגמענט פון מיין ענגליש בוך „זיווג נפשות" איז שוין אַמאָל דערשינען אין זאַמל־בוך „אלף" וואָס דער קדוש הלל צייטלין ז"ל האָט אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אין אָקטאָבער, 1932.

איז נאָך געבליבן אַ סימן פון אַ קלאַנג פון אַ וואָרט,
וואָס האָט טריי ווי דעם אָקסן פוס־טריט,
מאַרטירעריש געאַקערט לויט דיין רצון,
צומאָלן ביז טהרה אַ באַרג פון טומאה?

זאָג מיר, איך בעט דיך בעשיידן
אין נאָמען פון ליידן
אין וואָס פאַר אַ געפענגעניש האָט מען פאַרשיקט
די אומשולדיקע טויבן־ווערטער
פון די קינדער פון דער כפרה־אומה?
יאָ, און די ווערטער וואָס האָבן זיך געקוילערט און געקלונגען,
מיט שרפים־צונגען
איבער די שפּיץ־דעכער פון בערג
געקלעטערט אַרויף אויף דער דורות־לייטער,
געשוועבט איבער ברענענדיקע וואָלקנס,
געשפּרונגען איבערן תהום פון מילך־וועג,
זיך אויסגעשמידט אין זיבעציק וועלט־גרויסע רינגען
און זיך בעהאַפטן אין גאָלדענע קאָסמישע קייטן,
אַרומגעגאַרטלט מיט אייביק יונגע כוחות
די גראָע נביאים,
פון זילבערנעם פאַרצייטן,
וואו זיינען זיי?

האָבן זיי ענדליך מנוחה געפונען ביי דיין טויער?
און זינגען זמירות פאַר גאָטס אויער,
אָדער זיינען זיי משוררים ביים מקור־החיים,
וואָס באַגריסן מיט געזאַנג
די אילומענירטע זיבן בלעטער
פון ספר־אלהים וואָס הייסט שמים?

בחינם נישטער איך אַרום
צווישן אונזערע פריש פאַרוועלקטע שמות
די ווערטער זיינען נישטאָ אויף אונזער וואַנדערשטערן!
אָ, אהביאל, אהביאל,
ווער בין איך דען מיט דיר צו שטרייטן?
נאָר זאָג מיר האָט מען דאָרט
לעבעדיקער הייט פאַרניכטעט
דאָס לעבעדיקע וואָרט?
איז גאָט מיט אונז ברוגז,
און וועט שוין קיינמאָל צו אונז ניטריידן?



## עבר הדני

## זמרי

(שלום)

אַזוי האָט זמרי פאַרשטאַנען דעם מענטשנס וועג און האָט זיין הערשאַפט אויף זיך גענומען. ער האָט נישט פּראָטעסטירט און נישט געבעס׳ט אַפילו ווען מען האָט אים פאַרשטעקט דאָרטן אין ווינקל פון שטאַל. און צוגעבונדן אים אין איין שורה מיט די אַלע נייע געסט. בלויז דער שלימזל מיטן באַנדאַזשירטן פוס האָט מען אַהער נישט אַריינגעשטעלט. אָבער דעם אַריסטאָקראַט מיט די הויכע פיס, אויך די פעטע געפלעקטע בריאה האָט מען געשטעלט פעל צו פעל מיט זמרין, אַזוי אַז די שטאַל איז געוועזן פול.

— דאָס איז אונזער אָקסן שטאַל, — האָט דער פאַרשוין געזאָגט מיט שטאָלץ צו די אַדמיניסטראַציע לייט.

— נו, נו. — האָבן די לייט אויך אַריינגעקוקט און געפרייט זיך, — אָבער דאָס זיינען אָקסן! — און מיט די אויגן האָבן זיי געמאָסטן די הינטענס פון די אָקסן וואָס זענען געשטאַנען איינער נעבן אַנדערן.

— דעם יונגן שנעק וועל איך אויך אָנבינדן דאָ אין ווינקל. זאָל ער זיך אויך אויסלערנען זיין אַן אָקס צווישן אָקסן.

— הו־הו — האָבן די אַדמיניסטראַציע לייט, די וויצלינגע, געלאַכט.

— דעם שנעק מיט זמרין אין איין מחיצה! צופיל כבוד. ער איז דאָך נאָך נישט אויפגעוואָקסן, כי־בי.

— עס שאַט נישט. — האָט ענערגיש געזאָגט דער פאַרשוין, — ער איז פון אַ גוטער ראַסע, אַן אַריסטאָקראַט. אין זיינע אָדערן רינט ריין בלוט. ער האָט אַ גוטע מאַמע געהאַט.

און די אַדמיניסטראַציע לייט האָבן אים גוט אָנגעקוקט און זענען אַוועקגעגאַנגען, אויך ער דער בלייכער שטאַל־מייסטער איז אַוועק.

און זמרי האָט זיך מיטן קיילעכדיקן אויג צוגעקוקט צו זיינע נייע שכנים. ער האָט זיי גוט אָנגעקוקט.

אַזוי, בכן צו דעם צוועק האָט מען אַהער געבראַכט די דאָזיקע געסט, ווייל אין זייערע אָדערן פליסט ראַסאַווע בלוט. דער דין פּיסיגער איז אַ יחסן, דער וואָס זיין גאַנצער הינטן איז ווי אַ שפּאַן ברייט. און די ווייסע בריאה איז דאָך געוויס אויך אַן אַריסטאָקראַטקע. זיי, בכן, וועלן דאָס אַריינברענגען יעצט פריש ראַסאַווע בלוט אין דער סטאַדע אַריין. פון זיי וועט דאָס אויפשטיין די ראַסאַווע דורות פון וועלכע דער פאַרשוין חלומט.

יעצט איז שוין אַלץ קלאָר. און ביטערער חוזק האָט געציטערט אין זמריס שטאַרקן האַרץ קאַסטן ווען ער האָט ווייטער פון דער זייט געקוקט צו זיינע שכנים: חו־חו, צוליב דעם האָט מען די דאָזיקע ראַסאַווע קינדער צוגעבונדן מיט די אויסטערלישע רינגען אין די נאָזדרעס, ווי מען בינדט ווילדע חיות.

און זמרי האָט פלוצלינג געשאָקלט מיטן קאָפּ, געדריגעט מיט זיינע קאַרק מוסקולן. ער האָט אַ לאַנגן מרוקע געגעבן און האָט זיך געדרייט אַהער און אַהין גלייך ער וויל צורייסן די קייט וואָס איז פאַרבונדן צו דער ציגל וואַנט.

מו־ו־ו — האָט ער אַ לאַנגן מרוק געגעבן. אויסגעגלאָצט די אויגן אַז זיי האָבן געוואָלט פון די לעכער אַרויסשפּרינגען. אויסגעשפּאַנט און אויסגעצויגן זיינע קערפּער מוסקולן גלייך ער גייט אויעקטראָגן די גאַנצע געביידע מיט טיר און טויער צוזאַמען.

— זמרי!!! — איז אין דער טיר געקומען דער ווייסער פּאַרשוין און האָט אים אַ קלאַפּ געגעבן אויף זיין פעל.

— זמרי!! — האָט ער געגעבן אַ טרוקענעם באַפעל און האָט מיט כעס פאַרקלאַפּט די טיר.

און זמרי איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט מיט זיין קיילעכדיקן פול בלו־טיקן קוק נאָכגעזעהן צו זיין שונא און האָט געשוויגן.

די מרוקע איז געבליבן שטעקן אין האַרץ קאַסטן. די אַנגעצויגענע מוס־קולן האָבן נאָכגעלאָזט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער נעמט אויף זיך דעם באַפעל. ער איז ווייכער געוואָרן ווי ער איז געווען און גלאַסענער ווי אַלע מאָל אין זיין לעבן..

אום נאָכמער צו דערנידריגן זמרין פלעגט דער פּאַרשוין פירן די אָקסן צוזאַמען מיט זמרין אין איינעם צום וואַסער טרונק. ער פון פאָרנט און יענע דריי באַשעפעניש זענען געגאַנגען נאָך אים אַזוי ווי געדרעסעווועטע שטוב בהמות.

— אַזוי, האָסט זיי גוט אויסגעהאָדעוועט! — האָבן די אַדמיניסטראַציע לייט געלויבט זייער שטאַל ספּעציאַליסט.

— די דאָזיקע בריות מוז מען גוט האָדעווען... — האָט געזאָגט דער שטאַל מייסטער ווי אַ געניטער דרעסירער. — אַמאָל האָדעוועט מען מיט אַ שפּיל שטעקעלע און אַמאָל שאַט נישט אַ סענקאַטע שטעקן. זמרי! פּושי! ראַספּוטין!

און אַלע דריי אָקסן זענען שטיל אַנטקעגן געשטאַנען. אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און די שטאַרקע קאַרקעס. כדי מער זיכער צו זיין מיט זיי האָט זיי דער פּאַרשוין, וואָס האָט זיי געפירט, געקראַצט מיט דער דלאָניע צווישן די הער־נער, די געלאָקטע גרזשיוועס אויף די שטערנס.

— פון יעצט וועט שוין זמרי זיך אָפּרוען פון זיין אַרבייט. — זאָגט גע־לאַסן דער שטאַלמייסטער. — צו די יונגע וועט גיין ראַספּוטין. צו די בריי־טערער קי וועט פּאַש גיין. דער וועט אויפשטעלן קעלבער מיט גוטער מילך, און דער פּעטע און פלייש־יקע, רויט שוואַרצע ווי ער. און זמרי בלויז נאָר אין אַ נויט.

— אָבער, זמרי, ביזטו אַראָפּגעפאַלן — האָבן די אַדמיניסטראַציע לייט אַלע געשאָקלט מיט די קעפּ — ביזט אַראָפּ. דיין שטאַלץ איז צובראָכן און



דו שווייגסט? דיין כבוד איז ערנידערט און דו פּראָטעסטירסט נישט?

זמרי איז שטיל געשטאַנען. איז געלאַסן נאָכגעגאַנגען מיט דעם פּאַרשוין אין שטאַל אַריין.

---

פון דעמאָלט אָן איז דער אַלטער זמרי ערנידערט געוואָרן ביזן לעצטן. טאָג טעגלעך האָט ער זיין בושה געטראָגן. זמרי האָט זער גוט געוואוסט, ווען מען האָט אַמאָל געעפנט דעם טויער נישט אין דער געוויינלעכע שעה און דער בלייכער פּאַרשוין איז געקומען, איז געווייס אַז מען וועט אַרויספירן וועלכן אָקס. לויטן גערודער וואָס מען האָט געהערט איבער דער וואַנט האָט ער גוט געפילט, אַז וועלכע קו האָט זיך דערוואַרעמט. אָבער נישט אים איז דער ווייסער פּאַרשוין געקומען נעמען. נעכטן האָט מען ראַספּוטינען אויך געבונדן, און אייערנעכטן די געפלעקטע בריאה — פּאַשן, אָבער צו אים, צו זמרין, איז ער נישט צוגעגאַנגען, גלייך ער עקזיסטירט גאָר נישט. און ווען דער מאַן איז געגאַנגען און דער אָקס נאָך אים, האָט זמרי מיט זיין קיילעכדיק אויג נאָכגעקוקט, ווי איינער רעדט: „הו, זע נאָר, די צווייפוסיגער פּאַרשוין אייל דיך נישט... גיב גוט, גוט אַכטונג אויף דעם לאַנג־פוסיקן יונגן מאַן, ער זאָל זיך נישט איילן אין זיין אַרבייט, גיב גוט אַכטונג אויף דער געפלעקטער בריאה עס זאָל אויפן וועג נישט געשטרויכלט ווערן“. — און אַ חוזק געמישט מיט כעס און שנאה האָט געציטערט אין זמרים האַרץ קאַסטן.

און אַז דער מאַן איז נאָך אַ קליינע ווילע צוריק געקומען, און נאָך אים דער נערוועאישער אָקס, דער מיוחס, האָט זמרי ביידע אַנגעקוקט און אָפּגע־שפּעט ווי מיט אַ שפּיז: „איז ווירקלעך דער אָקס אַרויף און עס איז אים גאָר־נישט געשיין? איז ווירקלעך פון אים אַ קו קעלביק געוואָרן? הו, גיב נאָר אַכטונג, צווייפוסיגער, קאָנטראָליר איינמאָל און נאָך אַמאָל טאָמער האָסטו זיך שטאַרק טועה געווען און די דאָזיקע קו איז גאָר נישט קאַלביק געוואָרן“.

און געדאַכט האָט זיך טאַקע, אַז דער אַלטער זמרי איז גערעכט. האָט ער כשוף געטון דער טשערדע, צו זיינע פון לאַנג געפּאַרטע. אָדער אפשר איז אים באַוואוסט אַזוינס וואָס די צווייפיסיגע אפילו ווייסן נישט? סיי ווי סיי די קי זענען נישט קאַלביק געוואָרן. שפּעטער אַ פּאָר וואָכן האָט זיך די זעלבע קו נאָך אַמאָל געוואַרעמט.

און דער פּאַרשוין האָט זיך געבייזערט און האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט באַשטימט אויסצופירן זיין פּלאַן און נישט אַנדערש צו מאַכן. ווי באַלד אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט זיך די זעלבע קו ווידער דערוואַרעמען וועט ער ווידער אַרויספירן דעם אָקס וואָס ער האָט פאַר איר באַשטימט.

— אפשר לוינט זיך זמרין אַרויסצופירן? — האָבן געשמועסט די אַדמי־ניסטראַציע לייט. — אפשר וועט מען נאָך דאָס יאָר פּרובירן? — האָבן זיי מיט גרויס פאַרזיכטיקייט געפרעגט דעם שטאַלמייסטער.

און דער האָט נישט געוואָלט הערן. ער איז בלייך געוואָרן, בייז, אָבער זיין רעציזיע איז פעלזן פעסט:

— איך האָב איינמאָל געזאָגט, — האָט ער פאַר די אַדמיניסטראַציע לייט געפּסקנט, — ברייטע באַזונדער און שמאָלע קי באַזונדער. נאָר אַזוי וועט זיך די נייע סטאַדע שאַפן.

און זמרי האָט די אַלע טענות אויסגעהערט גלייך גאָר נישט. אין האַרץ האָט ער ביטער געלאַכט, געלאַכט מיט יאַשצערקעס: אַזוי, אַדמיניסטראַציע לייט, זייט פאַרזיכטיק מיט דעם דאָזיקן פאַרשוין, זיין גאַנצער טשערעדע חשבון איז גאָר, גאָר פאַרדרייט... מען וועט שוין באַלד נישט אָנהייבן צו וויסן צי די קי האָבן זיך דערוואָרעמט צי נישט. אויב וועלכעס קאַלב איז שוין צייטיג... צי וועלכע קו איז קאַלביק אָדער גייט אַרום אַן עקרה...

אַזוי האָט זמרי אינעווייניג געלאַכט אונטער די פאַרזאָרגטע אַדמיניסטראַציע לייט און דאָפּלט האָט ער געחוזקט פון דעם איינגעשפּאַרטן פאַרשוין, ביז די לייט האָבן זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און האָבן ענערגיש געזאָגט צו דעם פאַרשוין: — זע אַמאָל אַז די דאָזיקע קי זענען אַלע פון דער סטאַדע און אַלע מאָל האָבן זיי אין דער טשערעדע געלעבט. זיי ווייסן גאָרנישט וואָס אַ שטאַל איז. פאָלג זשע אונז נאָר איין איינציג מאָל: גיב זיי זמרין. נאָר ער קען גוט זייערע געפּאַרטע.

כאַטש דער פאַרשוין, דער עזות פּנים האָט געלאַכט, פונדעסטוועגן האָט ער דאָס מאָל געפאָלגט די אַדמיניסטראַציע לייט. און אַז ער האָט געזען אַז די קי האָבן זיך דערוואָרעמט דאָס דריטע און פערטע מאָל, איז ער געגאַנגען און האָט זמרין אויפגעבונדן פון דער קייט.

— נו, זמרי ווייז וואָס דו קאָנסט... — האָבן די אדמיניסטראַציע לייט זיך געפרייט מיט זייער אַלטן פריינד.

און זמרי האָט אין האַרץ אויך געלאַכט אונטער דעם פאַרשוינס פּלייצעס, ווי געזאָגט: „וואָס האָסטו מיך היינט אויפגעבונדן, דו צווייפיסיגער? האָבן טאַקע די אַלע זכרים נישט געטויגט? נישט די געפּלעקטע בריאה? און נישט דער יונגער דין־פוסיגער, ער קאָן אויך נישט פאַרריכטן דאָס קאַליע געמאַכטע? און יענער שלימזל מיטן באַנדאַזשירטן פוס, האָסטו אים אויך פּרובירט?“

און זמרי איז מיט זיכערע טריט צוגעגאַנגען צו דער קו וואָס איז צוגעבונדן געווען צו דער שטעל, האָט שמעק געגעבן און דערקאָנט זיין געפּאַרטע פון לאַנג, איז געשטאַנען אַ ווײַלע און איר אַזוי געזאָגט:

— יאָ, די אַלע זכרים זענען נישט געווען פאַר דיינעטוועגן און וועלן קיינמאָל נישט גוט זיין, איר זענט מיינע געפּאַרטע אין דער טשערעדע און קענט נישט זמרין פאַרטוישן מיט אַן אַנדערן.

אין דער מינוט האָט זמרי זיך דערמאָנט זיין אַמאָליקן שטאָלץ און פּראַכט און כאָטש מען האָט שוין געהאַט לאַנג אָוועקגעפירט די קו אַ באַרוהיגטע אין שטאַל אַריין — איז זמרי נאָך געשטאַנען אויף זיין אָרט. ער האָט אויפגעהויבן זיין קליינעם שיינעם קאָפּ און מיט זיינע נאָזדרעס געשמעקט די לופט. ער האָט נישט געקאָנט זיך באַרוהיגן און צוריק קומען צו זיין גלייכגעוויכט.



— זמרי! — האָט אויף אים אַ געשריי געגעבן זיין צוויי־פוסיגער שונא און אַן שהיות אַ שלעפּ געטאָן די קייט.

זמרי איז נישט צופרידן אים נאָכגעגאַנגען. דעם אַלטנס פעסטן בלוט וואָס האָט זיך אויפגערעגט איז אין זיינע אָדערן געפלאָסן מיט שטאַרקע קלעפּ. זיינע נאָזדרעס האָבן זיך נאָך צושפּרייט און האָבן געדעכעט, גלייך מיט פייער געשפּריצט. די פיס זיינע האָבן געטראָטן מיט שטאַרקייט גרייט צו שפּרינגען דעם שטאַרקן מענער שפּרונג.

— זמרי! — האָט אים ווידער געקלאַפּט אין מאַרדע אַריין ווי מיט אַ בייטש דער טרוקענער און פיינדליכער געשריי, ווען דער צוויי־פוסיגער וואָס רעגירט מיט אים, האָט פאַרשלאָסן אונטער אים דעם טויער.

און זמרי האָט זיך יעצט דערמאָנט די אַלע וידלערייען און פרעכהייטן וואָס ער האָט געליטן פון דעם מענטש. אַז ער האָט אים דערנידערט, ער האָט נישט רחמנות געהאַט אויף זיין שטאָלץ און האָט אים געמאַכט מיט דער בלאַטע צוגלייך. ער האָט אים געשטעלט אין איין מדרגה מיט אַ זויגלינג. ער האָט אים פאַרטוישט פאַר אַ שוואַכע פלײשיגע בריאה, פאַר אַ יונגן מאַן, אַ דין־פוסיגן וואָס האָט קיין כח נישט.

— מו־ר־ו! — האָט ער פּלוצים אַזאַ מרוקע געגעבן אַז די גאַנצע שטאַל פון פונדאַמענט ביז אין דער הויך, האָט אַ ציטער געגעבן.

און זמרין האָט זיך אין דער מינוט געדאַכט, אַז ער שפּאַצירט אין דער טשערעדע אויף אַ ברייט פעלד. זיינע געפּאַרטע זיינען צושפּרייט אין טאָל דאָרט און אויפן באַרג און גריזשען דאָס גרינע גראָז. די אַלע קאָן ער גוט. קיין איינציקע איז פאַר אים נישט פאַרהוילן. דאָרטן, אָט, איז די ווייסע, די לאַנג קעפּיקע, די בעסטע האָלענדישע וואָס האָט געהאַט איינס נאָכן אַנדערן דריי שיינע קעלבלעך. און אָט דאָרטן איז די „פיינע“, די לאַבעדיקע, וואָס ווי אַלע מאָל זויגן פון אירע ברוסטן וואָס זענען פול מיט מילך, עפּעס ווי אַ שכור וואָס איז להוט נאָך בראַנפן. און אָט איז די „שוואַרצע“, די פרעסערין וואָס איז יעצט, ווי איר טבע איז, אין תבואה־פעלד און גריזשעט בגניבה און עס שמעקט איר... — אָט זענען זיי דאָ אַלע — האָט זמרי געסאָפּעט און געדעכעט מיט זיינע נאָזדרעס, ווי געדונערט.

— מו־ר־ו — האָט זיך ווידער אַמאָל פון זיין פּיסק אַ שריי אַרויסגעריסן. נאָך מיט אַ שטאַרקערן כח, ווי ער וואָלט זאַמלען אַרום זיך די אַלע זיינע געפּאַרטע, די קעלבער וואָס זענען געוואָרן יאַלובקעס, אויך יענע קי וואָס עלטערן זיך שוין. און זמרי האָט נישט געקאָנט באַהערשן זיין בלוט וואָס האָט זיך בעגאָסן און געפלאָסן אין זיינע אָדערן, און נישט צוריקהאַלטן דעם שטורעם פון זיינע מוסקולן.

— המ־מ־מ! זמרי האָט מלחמה געהאַלטן קורץ און שאַרף מיט דער קייט און האָט זי צוריסן.

— מו־ר־ו! — איז אַצינד זמרי געגאַנגען און די צוריסענע קייט האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט. ער איז אַדורך דורכן שטאַל מיט אַ באַהאַלטענעם ברום,

ער האָט אויף בײדע זײַטן געשמעקט און באַרירט די צוגעבונדענע קי צו די זשלויבן.

— מ־מ־מ — האָט ער ווידער מיט שטאָלץ געקלאַפּט אויף דער פּאָד־לאָגע און זיך אַרויסגעריסן אין הויף אַרײַן וואָס איז אונטער דער שטאַל.

— אַהאַ! אָט זענען זײ! די קעלבער וואָס זענען דערווײַלע אויפגעוואַקסן און רײַף געוואָרן. אָט זענען זײַנע געפּאַרטע, באַפרײַנדטע פון אַמאָל, וואָס האָבן זיך יעצט אויסגעפּאַשעט און פעט און דיק געוואָרן, זינט מען האָט זײ געשטעלט אין שטאַל בײַ די זשלויבעס.

— מו־ו־ו! — האָט זמרי געברומט און געשריגן אײַנגעהאַלטן. ער האָט שטאָלץ אויפגעהויבן זײַן קאָפּ און ווי אויסגערופן זײַן איבערראַשונג.

— זמרי! — האָט יענער פײַנדלעכער געשרײ אַ שניט געגעבן אין זמריס אויער — זמרי, צוריק אויף דײַן שטעלע!

זמריס אויגן זענען פול געוואָרן מיט בלוט, ווען ער האָט דערזען זײַן שונא, דעם צווײ־פוסיגן. דאָס אויג האָט זיך אים פאַרינגעלט, גרײט פון לאַד אַרויסצושפּרינגען. דער קאַרק האָט זיך אים אָנגעשטרענגט מיט אַ שאַרפן און געוואַלדיקן אָנזאָג.

— זמרי! — האָט זיך יענער נישט דערשראָקן און נישט אויפגערעגט ווײַטער געזידעלט.

און יעצט האָט זמרי פאַרשטאַנען, אַז די צײַט פון נקמה איז געקומען, מיט אַ געלאַסענעם, טאַנצנדיקן טריט איז ער צוגעגאַנגען צום צווײ־פוסיגן און מיט אַ ריר מיטן קלײנעם קאָפּ אומגעוואָרפן אים אויף דער ערד. אַצינד האָט ער דעם צווײ־פוסיגן מיט לײַכטע שטויסן געקאַטשעט פון אײן זײַט אויף דער צווייטער.

— זמרי! — האָט דער צווײ־פוסיגער געקרעכצט מיט די לעצטע כחות און האָט אים אַ שטײן געוואָרפן.

זמרי איז געשטאַנען און געלאַכט פון שטײן וואָס האָט אים גאָר קײן שלעכטס געקאָנט טאָן. ער איז שטום געשטאַנען ווען זײַן קרבן האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, אַ צעטראָטענער, אַ פאַרפּײַניקטער, באַגאָסן מיט בלוט, אויסשפּײַענדיק זײַנע צעבראָכענע צײן מיט פאַר שרעק אויפגעבריזטע האָר, איז ער אָוועק פון שלאַכט־פעלד.

— מו־ו־ו! — האָט זמרי שטאַרק געמרוקעט און אויסגערופן ענערגיש זײַן איבערראַשונג מהיום והלאה.

איבערגעזעצט פון העברעאיש — **יוסף שפער**

„אין חדר אַרײַן“ 5/-
„אין זכות פון די טעג“ 3/6
פון
משה עובד
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1



## לעא קעניג

# די גרויסע יידישע רעוואָלוציע

### א.

אַ גרויסע יידישע רעוואָלוציע קומט איצט פאָר;

וואָרום וואָס איז אַזוינס די יידישע מלוכה וואָס איז ווילנדיק און ניט ווילנדיק שוין אָנערקענט פון אַלע כמעט מלוכות פון דער וועלט, אויב ניט אַ גרויסע יידישע רעוואָלוציע? אַ רעוואָלוציע פון אוניווערסאַלער ווערט און באַדײַטונג, ווײַל אויב זי וועט זײַן דערפאָלגרײַך, ווי מיר האָפן אַלע, וועט זי ניט נור ראַדיקאַל ענדערן אונזער פאָלקס לעבן נור אויך בהדרגה לייזן דאָס „יידישע פּראָבלעם“ אין אַלע לענדער. אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז אויפגעקומען אינם וועלט יידנטום (און באַזונדערס אינטענסיוו אינם מזרח יידנטום) אינם לעצטן האַלבן יאָר הונדערט, אונגעפער; די גרעסטע און ראַ־דיקאַלסטע באַוועגונג אין אונזער געשיכטע: די ציוניסטישע, וועלכע האָט זיך פאַרצווייפלט־עקשנותדיק געשטעלט נעגן דער יידישער געשיכטע און איר גאַנג דעם צוויי־טויזנט יעריקן... אַ ראַדיקאַלע באַוועגונג וועלכע האָט מורד געווען קעגן דעם מעכטיק־אונמעכטיקן „אייביקן“ גלות. אַ באַוועגונג, וועלכע האָט אויפגעהערט וואַרטן אויף משיחן, האָט בידעים ובלא יודעים פאַרוואָרפן יעדן משיחיזם און מיסיאַניזם; אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וואָס האָט גע־קלערט אַז איידער צו זײַן אַ גרויס גלות און מאַרטירער פאָלק ווילן מיר בעסער ווערן אַ קליין, נאָרמאַל „סאָבערע פאָלק“ — אָט די רעוואָלוציאָנערע ציוניס־טישע באַוועגונג האָט איצט געזיגט;

די יידישע רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן — די יידישע מלוכה ישראל עקזיסטירט, איז אַ פאַקט און לעת עתה, דער גרעסטער כח אינם מזרח...

מיר וועלן זיך איצט ניט פשטלען צו ס'איז אַ בירגערליכע, קליינבירג־גערליכע אָדער סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, נור זיכער אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז געווען אַ נאַציאָנאַל־פאָלקישע לויט די עקאָנאָמישע שטאַנדן פונם פאָלק און די יונגע יידישע מלוכה וועט ערשט מוזן דורכמאַכן די חבלי מלוכה וואָס אַלע מאָדערנע פעלקער מוזן דורכמאַכן. אָבער דעם ערשטן און שווערסטן זיג האָט שוין די גרויסע יידישע רעוואָלוציע צו רעגיסטרירן: די יידישע מלוכה עקזיסטירט, דאָס קלאַסישע שטאָט־לאָזע פאָלק איז ווידער גע־וואָרן אַ מלוכה־פאָלק.

### ב.

צו פרי...

— צו פרי? צו שפּעט?

בײדע; ווי רעאַליסטיש און ניכטער מיר זאָלן איצט ניט פּרובן באַטראַכטן דאָס אויפקומען פון ישראל זײַנען מיר נאָך אַלץ ווי אין חלום און גלויבן זיך ווי ניט צו אַז ס'איז שוין אַ פאַקט, אַז ס'איז גיך געשען... מיר וואָס האָבן אַזוי

אָפּט געפּרוווט אַרומנעמען דעם גאַנצן טראַגישן אין סוף פונם לאַנגן, אונענדליכן גלות, מיר וואָס זיינען געווינט געווען מיט האַרץ ווייטיק און קריטיש באַטראַכטן דעם דורכשניטליכן גלות־ייד אין אַלע לאַגערן און שטאַנדן — אַסימילאַטאָרישע און טראַדיציאָנעלע — מיר וואָס האָבן אַזוי ווייניק געגלויבט אין יידישן כוח און גלייכן שכל; מיר וואָס האָבן שטענדיק מיט מתיקות געקרעכצט פון די תרי״ג „אינהיבישאַנס״ (העמונגען) וואָס דער גלות האָט איינגעקאַרבט אין אונדזערע נשמות און זיך געשפּילט אין די טויזנטער חנ׳ן און אום־חנ׳ן פון אונדזער פאָלקס־לעבן אין די געטאָס און תחומן; און זיך פריי־וויליק געצווימט מיט גדרים צו גדרים... מיר וואָס פלעגן רעדן פון יידישער מלוכה ווי פון אַזאַך אין וואָס מען גלויבט אין דער אמתן ניט, ווי פון אַ ווייץ: איין קליינינקייט אַ יידישע מלוכה... קענען זיך איצט נאָך אַלץ ניט צוגלויבן אַז ס׳איז טאַקע געשען... שוין געשען, אַזוי גיך געשען... איצט דאַכט זיך אונז אַז ד״ר פּינסקערס „אויטאָ עמענסיפּאַציע״, העס „רוים און ירושלים״ און הערצלס „מדינת היהודים״ זיינען דאָך ערשט נעכטן־אייער־נעכטן געחלומט געוואָרן... ווי לאַנג איז עס ווי אחד העם׳ס „אמת מארץ ישראל״ האָט אונדז אויסגעזען אַזוי רעאַליסטיש און זאַכליך? — און דאָ שוין פאַר אונדזערע אויגן אַ יידישע מלוכה, אַ יידישער פּאַרלאַמענט, אַ יידישע אַרמיי, אַ יידישער לופטפלאָט... יידישע מיניסטאָרן, אַמבאַסאַדאָרן, קאָנסולאַטן, פּאָליציאַנטן... און הכל כל...

ווי לאַנג איז עס ווי מיר האָבן געלאַכט פון שלום עליכם׳ס ייד, וועלכער האָט זיך „פאַרבענקט אַהיים״ קוקנדיק אויף אַ אַקציע...

און היינט יידישע פּאַספּאָרטן מיט יידישע וויזאַס אין סאַמע לשון קודש... און יידן, פּשוטע יידן ווייסן ניט וואָס צוטון מיט זייערע געשעפטן אין זייערע גלות־לענדער, ווייסן ניט ווי אַזוי און ווען, ווי גיך, „צולויפן אַהיים״...

אַזוי גיך... —

ג.

צו שפּעט

און דאָך אויך אַזוי שפּעט, אַזוי טראַגיש שפּעט...

אַ, ווען די רעוואָלוציע אין אונזער לעבן — ישראל — ברעכט אויס נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה און ניט נאָך דער צווייטער... נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה האָבן מיר בלויז געהאַט אַ באַלפור דעקלעראַציע... בלויז אַ באַלפור דעקלעראַציע, און דאָך... האָט דער רוב מנין ובנין פון אונזער פאָלק אויפגענומען די דעקלעראַציע ווי אַ שופר של משיח, ווי אַ אתחלתא דגאולה — ווי אַ יידישע מלוכה... ס׳איז געווען נאַאיוו, אָבער ווי דען האָבן די יידישע מאַסן דאַן געקענט אויסטייטשן דעם צוזאָג העלפן בויען אַ „נאַציאָנאַלע היים״? ס׳איז געווען טראַגיש און פּאַטעטיש — נאַאיוו די פרייד און דאָס גלויבן אין דער צוגעזאָגטער נאַציאָנאַלער היים, ווי ס׳האָט טראַגיש באַוויזן דער פערטל יאָרהונדערט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות און די צווייטע וועלט־מלחמה, וועלכע האָט פאַרניכטעט אַ דריט חלק פון אונדזער פאָלק... די צוגעזאָגטע



„נאַציאָנאַלע היים״ די פּאָטענציאָנעלע יידישע מלוכה האָט אונדז ניט געראַטעוועט פון דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע אין אונדזער געשיכטע...

און מיר מוזן זיך איצט פרעגן צו דער ערשטער זיג פון דער יידישער רעוואָלוציע — די יידישע מלוכה — איז ניט געקומען אויך טראַגיש שפּעט; נאָך דער אויסראָטונג פונם מזרח אייראָפּעאישן יידנטום. די זעקס מיליאָן יידישע נפשות — אַ זעקס מיליאָניק פאָלק — האָט ניט דערלעבט צו זען די יידישע מלוכה... איז זי געקומען צו שפּעט? זיינען די נאָרדוי׳ס און די זשאַבאָטינסקי׳ס געווען גערעכט ווען זיי זיינען ניט געווען גליקלעך מיט דער באַלפור דעקלעראַציע? איז די רעוואָלוציאָנערע ציוניסטישע באַוועגונג געווען ניט רעוואָלוציאָנער גענוג? האָט דער צוויי טויזנט יעריקער גלות אונז סאַבאָטאַזשירט און מעכב געווען דעם קץ?

ווען די איצטיקע יידישע מלוכה קומט נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה — ווי גרויס און גאַנץ וואָלט געווען אונדזער פרייד מיטן זיג.

וואָלט אַ מלוכה ישראל נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אונדז געראַטעוועט פון די נאַצישע גאַז־אויוונס און טויט־פאַבריקן?

גיי פרעג קשיות אויף דעם „גאַנג פון דער געשיכטע״ — אָט דער אומגעלומפּערט־ריזיקער טאַנק וואָס הייסט געשיכטע, וועלכער שלעפּט זיך שווער און זיג־זאַגיש און הינטערווייליך פון גרוב צו גרוב פון בלוטיקער בלאָטע צו בלאָטע ערגעץ צו אַ אומבאַקאַנט „געבאָטן״ אָדער „קיינעמס־לאַנד״....

מיר זיינען ווי אין אַ חלום און ווייסן ניט צו פרי אָדער שפּעט איז געקומען די יידישע מלוכה.

צו פרי און צו שפּעט.

ד.

שמחה אין עצבות

איך ווייס ניט צו מיר דאַרפן זיך פרייען דערמיט וואָס די פרייד מיט דער יידישער מלוכה פאַרשטעלט שוין כמעט אינגאַנצן אונדזער גרויסן צער, אונזער טרויער נאָך אַ זעקס מיליאָניק יידיש פאָלק:

עס קאָן זיין אַז יאָ, ווייל אויב כסדרדיקער עפּענטליכער טרויער קען פירן צו פאַרשוועכונג און פאַרוואָכנטקייט פון דעם טיפסטן צער, קען צו גרויסע פרייד נ ו ר צופירן צו שטרויכלונגען און פעלערן...

„גליק איז פאַרעטעריש״ — איז אַסך מאָל געזאָגט געוואָרן. ס׳איז אמת און מיר זיינען דאַנקבאַר די ניכטערע שטימען, וואָס וואָרענען אונדז אַז מיר דאַרפן שוין באַצייטנס זיך ווייניקער פרייען מיט דער מלוכה און מער זי גריינטפּעסטיקן....

אָבער פאַרשוועכטער און פאַרשאַכערטער צער און טרויער זיינען ערגער און פיל דעמאָראַליזירנדער ווי צו גרויסע פרייד. —

דאַרפן מיר זיך אפשר פרייען דערמיט וואָס „די שפּאַלטן פון אונדזער פּרעסע״, ווי אונדזערע עפּענטלעכע פּלאַטפאָרמערס, און אפילו די מוזעס פון אונזערע טרויריקע דיכטער, זיינען איצט פיל מער באַשעפטיקט מיט דער

יידישער מלוכה ווי מיט אנדזער אומקום... ישראל נעמט צו די גאנצע „פּיב־ליסיטי" פונם חורבן; וואס פארא יידישע צייטונג איר זאלט איצט ניט צועפע־נען זיינען די נייעס פון ישראל די ערשטע און וויכטיקסטע; די חבלי משיח. די ישראל פראבלעמען זיינען געווארן די וויכטיקסטע „פיטשערס" ארטיקלען. און ס'איז אפשר בעסער און געזונטער אזוי, ווייל פארשווינטער צער איז ווי געזאגט אפשר ערגער ווי „פארעטערישער גליק"...

א אלט פאלק איז געשטארבן, אומגעקומען, זאל לעבן דאס נייע פאלק ישראל. עם ישראל חי. און ס'קאן זיין אז די מלוכה ישראל איז דער בעסטער ווייל לעבעדיגסטער און שעפערישסטער „קדיש" נאך דעם פארשניטענעם גרויסן יידישן כלל....

ת.

לאנג לעבן זאל די יידישע רעוואלוציע...

דערווייל לעבן מיר אלע מיט דעם פסיכאז פון דער רעוואלוציע. ס'איז ניט פאראן אזינער אזא ייד, פון די רעכטסטע ביז די לינקסטע, פון די אסימי־לאטאריסטסטע ביז די טראדיציאנאלסטע, וואס איז ניט געטראפן געווארן פון דער רעוואלוציע. וואס די רעוואלוציע — די מלוכה ישראל — האט עפעס אן איבערקערעניש ניט אריינגעבראכט אין זיין מוח, אין זיין שטייגער לעבן, אין זיינע אנשויאונגען, אין זיין גלות...

די וואס זיינען אינגאנצן אנטלאפן פון אונדז, פון אונזער פאלק, פון אונזערע ליידן און פראבלעמען, קוקן זיך איצט אפשר קיינער זאל ניט, זען אום, צו מען לויפט זיי ניט נאך, צו מען רופט זיי ניט צוריק און לויפן נאך גיכער און טיפער צו זייער באהעלטעניש...

און אסך פון די וואס גרייטן זיך אין וועג אריין, זיינען באשעפטיקט איצט מיטן פאקן זיך, מיט זייער גאנצן גלות־באגאזש, און זיינען גרייט מיטצונעמען די אלע נדרים און סיגים, די אלע „פּיטשעווקעס" און פראבלעמען פון וועלכע די יידישע מלוכה דארף זיי באפרייען....

אזוי ווייניק פון אונדז פארשטייען אז די יידישע מלוכה איז א יידישע רע־וואלוציע. פאר זיי קען מען זאגן, איז די יידישע מלוכה טאקע נור א „קיבוץ גליות" — א היים פאר אלע גלות יידן, חנ'ן און אומ־חנ'ן.

און אפילו דעם „זכרנו את הדגה" ווילן די מיטנעמען אין זייערע גרויסע יידישע פעק... און יידישע טארבעס....

אבער מיר דאכט זיך אז די געפערלעכסטע צווישן אונדז זיינען די שה״י און פתי״י יידן, אדער ווי מען רופט זיי היינט די „סטאטוס קוואָ" גלות יידן וועלכע שטייען אן א זייט און שמייכלען פריינטלעך־סקעפטיש, ווי די וואלטן צו אייך געזאגט;

„פרייט זיך קינדער אויב איר ווילט מיט אייער יידישער מלוכה... אבער גלות וועט בלייבן גלות איביק און דאס גלות־פאלק — גלות פאלק... און יידישקייט — יידישקייט"... וואס מער עס בייט זיך אלץ מער בלייבט דאס זעלביקע"....



אז די שיכטן זיינען אפשר די גרעסטע געפאר פאר דער יידישער מלוכה, ווייל זייער צאל איז גרויס און אין יעדן פון אונדז טליעט נאך א האלב אויס־געלאשענער פונק פון דעם סקעפטיציזם, פון דער אמונה אין גלות אייביקייט...

און די געפאר איז אזוי גרויס, ווייל מער צו נאך אזא קאטאסטראפע ווי מיר האבן ערשט איבערגעלעבט וועלן מיר שוין ניט קענען איבערלעבן, און בויען א פערטע יידישע מלוכה וועט שוין קיין כח ניט זיין.

## שמואל ווהיים

## א גאט! נאך וואס האסטו א האר'ץ מיר געגעבן?

א גאט!

נאך וואס האסטו א האר'ץ מיר געגעבן
און דערצו נאך א לעבן?
נאך וואס האסטו אויגן מיר געגעבן
און א געדאנק צו שטרעבן?

— שטרעבן צו א העכער לעבן,
און נאך גערעכטיקייט גארן;
שטארבן און מיר די ווזיעס
וואס האלטן מיך אין איין נארן.

שטארב איך דא טאג טעגלעך
דאך לעב איך ———
ווי איז דאס מעגלעך?....
צאנקט א האר'ץ אין גארן

א לעבן, א לעבן — אין טוים.
וואס האלט מיך אין איין נארן.— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

א גאט!
נאך וואס האסטו א האר'ץ מיר געגעבן?....

## פראָפ. דר. משה שאר

# היינריך (הירש) גרעטץ און די יידישע געשיכטשרייבונג

„זכר ימות עולם, בינו שנות דור ודור" (געדענק די טעג פון פאַרצייטן, באַטראַכט די יאָרן פון דור־דורות) — די דאָזיקע ווערטער, וואָס הילכן אָפּ אין דער אייביקייט, האָט אין זיין לעצטער שירה צו ישראל אויסגעזונגען משה רבינו, דער שעפער, דער מחוקק, דער מדריך פון זיין פאָלק.

די יידישע היסטאָריאָגראַפיע איז געגני אַזוי אַלט, ווי אַלט ס'איז ישראל אויף דער געשיכטלעכער אַרענע. אויב געשיכטשרייבונג, ווי אַ קולטור־דערשיינונג, איז נישט בלויז אַן אָנוואורף פון פאַקטן, נאָר אויך — אין איר טיפן זינען — אַ ציל־באַוואוסטע שטרעבונג אויסצוגעפינען די גרונט־אידייע, וואָס ליגט באַהאַלטן הינטער די פאַקטן, קען מען, בלי גוזמא, זאָגן, אַז יידן זענען דאָס ערשטע פאָלק, וואָס האָט די קונסט פון געשיכטשרייבונג אַרויסגעבראַכט, איר אַ תיקון געגעבן.

באַרימטע פאָרשער פון אַלטערטום באַוואונדערן היינט די דענקמאָלן, וואָס זענען פאַרבליבן אין די כתבי־הקודש, און זענען מודה, אַז אין אַט דעם גייסטיקן געביט פאַרנעמט דאָס יידישע פאָלק דעם אָנגעזעענסטן פלאַץ סיי לגבי מצרים און בבל — די פאָרגייער פון דער מזרח־קולטור — סיי אַפילו לגבי דער קלאַסישער איליאַדע. אָבער ניט דאָס אַליין: דער אוראַלטער ישראל האָט געלעגט דעם יסוד פון דער אוניווערסאַלער געשיכטע, ניט בלויז אין די דברי הנביאים, ווי מען איז געוואוינט אָנצונעמען, נאָר שוין אַ סך פריער — אין די ערשטע בלעטער פון ספר בראשית, וואו צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע ווערט די גאַנצע מענטשהייט פאָרגעשטעלט ווי איין אָרגאַניזם, ווי איין פאַרצווייגטע משפחה, וואָס ציט איר שלשלת היחוס אַדש פון דעם פאָר־מבולדיקן נח. משמעות, דאָס יידישע פאָלק האָט שוין אין גאָר טיפן אַלטערטום געהאַט זיין גאָלדענע תקופה פון געשיכטשרייבונג; און ווער ווייסט, מיט וואָס פאַר אַ גייסטיקע אוצרות מיר וואָלטן געהאַט באַרייכערט די מענטשהייט, ווען די קאַטאַסטראָפע פון חורבן ירושלים וואָלט ניט איבערגעריסן אַזוי אַכזריותדיק דעם אָדלער־גערפלי פון אונזער פאָלק־זשעני?

---

פראָפ. מ. שאָר ז"ל אָריענטאַליסט און היסטאָריקער, איז דער לעצטער רב־הכולל פון פוילן. ער האָט געטיילט דעם גורל פון זיין דריי־מיליאָניקער עדה, ווען ווען מען גייסטיקער מנהיג ער איז געווען קרוב אַ פערטל־יאָרהונדערט.

זיין גלענצנדיקער עסיי וועגן גרעטצן אין דער יידישער געשיכטשרייבונג האָט ער בשעתו פאַרעפנטלעכט אין פויליש־יידישן זשורנאַל „תל־אביב", וואָס איז דערשינען אין די ערשטע יאָרן פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט. מיר דרוקן איבער דעם אַרטיקל אין דער איבערזעצונג פון ל. פינעס, מיט קליינע שנויים און עטלעכע הערות פון איבערזעצער.

**די רעדאַקציע.**



די עפּאָכע פון דער אַזוי־גערופענער צווייטער מלכות האָט אויך דאָ אַרויסגעוויזן איר נייַ קלסתר־פּנים. די העלעניסטישע קולטור איז טיף אַריינגעדרונגען אין אַלע קעמערלעך פונם יידישן אָרגאַניזם, וואָס האָט אין אַלעקסאַנדריע געשאַפן פאַר זיך אַ נייעם גייסטיקן צענטער; און אַט די סינטעזע צווישן יידישן און העלעניסטישן גייסט איז שפּעטער גאָר בולט געקומען צום אויסדרוק — אויפן געביט פון היסטאָריאָגראַפיע — אין די ווערק פון אונזער באַרימטן היסטאָריקער פון יענער תקופה — יוסף פלאַוויוס.[1] זיין געשיכטשרייבונג איז געבויט אויפן תנ"ך, בעת זיין קונסט און זיין מעטאָדאָלאָגיע זענען דורך און דורך גריכיש.

אַ נייע קאַטאַסטראָפע איז געקומען און מיט איר — אַ צוויי טויזנט יאָריקע גלות־נאַכט. צי קענען מיר אָנווייזן כאָטש אויף איין מער־ווייניק ערנסטע היסטאָריאָגראַפישע אַרבעט במשך פון די 2000 יאָר? מיט אַ געפיל פון טיפן ווייטיק מוזן מיר ענטפערן: ניין! אַן אמתע בית־הקברות שטילקייט הערשט אין דעם־אַ גייסטיקן פעלד במשך פון גאַנצע יאָרהונדערטער. אָפּטמאָל רייסט איבער די טויט־שטילקייט אַ פאַרשטיקטער געוויין, אָדער אַ פאַרצווייפלטער ווייגעשריי ברעכט אויס פון דער צעווייטיקטער פאָלקס־נשמה — אַ יאָמער פון דורות, אויפגעהיט אין פיוטים, סליחות און קינות[2] אָדער אין אַזעלכע ספרים ווי „שבט יהודה"[3], „עמק הבכא"[4], „יון מצולה"[5] א.א.—ניט קיין ווערק פון היסטאָריאָגראַפישער קונסט, נאָר געוויינטלעכע כראָניקאַלע באַשרייבונגען פון לויפיקע געשעענישן אין צייטן פון צרות און פורעניות. איז דען אַ וואונדער, וואָס די גאַנצע תקופה קען זיך ניט באַרימען מיט קיין איין היסטאָריש ווערק, וואָס זאָל ראוי זיין צו טראָגן דעם דאָזיקן נאָמען? אַ פאָלק, וואָס ווערט געטריבן פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד; אַ פאָלק, וואָס פרעגט טאָג־איין, טאָג־אויס מיט אַ ציטער אין דער נשמה: מה ילד יום? — אַזאַ פאָלק פאַרגעסט גיך זיין נעכטן, ווערט אַן דאָס געפיל פון צייט־דויער און המשכדיקייט... „צרות אחרונות משכחות את הראשונות" (די לעצטע צרות מאַכן פאַרגעסן די ערשטע).

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט מיט איר אָנקום פּראָקלאַמירט דאָס רעכט פון מענטש. אַלע אידעאַלן פון ווייטן און נאָנטן עבר זענען אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פון זייערע פעדעסטאַלן. מענטשן האָבן מיט פאַראַכטונג גע־

### הערות פון איבערזעצער

1 די ווערק פון יוסף פלאַוויוס („יידישע אַלטערטימער", „וועגן דער יידישער מלחמה" און „קעגן אפּיאָן") זיינען אָנגעשריבן אין דער ערשטער העלפט פון 1טן יאָרהונדערט נאָך קריסטנטום).

2 סליחות און קינות זיינען צונויפגעזאַמלט אין שמעון בערנפעלדס „ספר הדמעות", בערלין, 1926.

3 באַשרייבונג פון די רדיפות אין שפּאַניע און די דאָרטיקע רעליגיעזע דיספּוטן, מחבר פון „שבט יהודה" איז שלמה איבן ווערגאַן.

4 באַשרייבונג פון יידישן מאַרטירערטום זינט דעם חורבן ביזן סוף 16־טן יאָרהונדערט.

5 די וויכטיקסטע כראָניק וועגן כמעלניצקיס פּאָגראָמען און אויך אַ לעבעדיקע שילדערונג פון יידישן קהילה לעבן אין פוילן. מחבר — נתן נאָטע האַנאָווער.

קוקט אויף די פארבענקטע נשמות, וואָס ווענדן זייערע בליקן צום נעכטן. די ערשטע דורות פון דער אויפקלערונג תקופה — אויך צווישן יידן, מיט מענדעלזאנען בראש — האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס, קיין שום חוש פאַר געשיכטע. ביז ס'איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1948 — דער אָנזאָג פון פעלקער־פרילינג. דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין לאַנגן שלאָף און, נאָך אַן הפסקה פון קרוב 2000 יאָר, באַווייזט זיך אויפסניי אין זיין גאנצער פראכט דער יידישער געשיכטשרייבער. היינריך גרעטץ הויבט אויף דעם פאָרהאַנג איבערן פרעכטיקן עבר פון יידישן פאָלק און פראָקלאַמירט פאַר דער וועלט דעם זכות־הקיום פון ישראל, זיין פולע רעכט צו עקזיסטירן ווי אַ פאָלק.

.1

## ביאגראפישע נאטיצן

היינריך גרעטץ איז געבוירן געוואָרן אין קסיאָנדז — אַ קליין שטעטל אין פויזנער פראָווינץ — דעם 31טן אָקטאָבער, 1817. קורץ נאָך זיין קומען אויף דער וועלט, האָבן די עלטערן זיינע זיך אַריבערגעצויגן אין דער שכנותדיקער שטאָט, זערקאָוו, וואָס האָט דעמאָלט געציילט אַרום 800 תושבים, בתוכם איבער הונדערט יידן. גרעטץ'ס עלטערן, הגם פשוטע יידן, האָבן זיך באַמיט צו געבן דעם קליינעם היינריך אַ ברייטערע יידישע בילדונג. ביז 16 יאָר האָט דער יינגל געלערנט גמרא, אָבער אויך שטודירט מיט גרויס התמדה די דייטשישע ליטעראַטור, לאַטיין און פראַנצויזיש.

די זעלטענע פעאיקייט צו באַהערשן אַן שוועריקייטן פרעמדע לשונות, פון איין זייט, און די גינסטיקע אויסערליכע תנאים, פון דער צווייטער זייט, האָבן דערמעגלעכט דעם יונגן גרעטץ צו לייגן דעם פונדאַמענט פון זיין אַלגעמיינער יידישער געשיכטע, פאַר וועלכער ער האָט מיט אַ באַזונדערן חשק געזאַמלט מאַטעריאַלן אין פאַרשידענע לשונות. אַ קענטיקע השפעה אויף זיין גייסטיקער ענטוויקלונג האָט, בלי־ספק, געהאַט דער גליקלעכער צופאַל, וואָס ער האָט גאַנצע דריי יאָר זיך אויפגעהאַלטן אין הויז פון שמשון רפאל הירש, דעם גייסטיקן מנהיג פון דער דייטש־יידישער אָרטאָדאָקסיע. במשך פון דעם קורצן פעריאָד (1837־1840) האָט גרעטץ פאַרטיפט זיינע ידיעות אין תלמוד און זיך געגרייט אָנצוקומען אין אוניווערזיטעט. לויט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון בילדונגס־מיניסטעריום, האָט מען אים אָן אַ ספּעציעלן עקזאַמען אָנגענומען אין ווראָצלאווער אוניווערזיטעט, וואו ער האָט שטודירט פילאָזאָפיע און סעמיטישע שפּראַכן.

מיט דעם פעריאָד פאַלט זיך אויך צונויף זיין ערשטע פובליציסטישע טעטיקייט. מיט זיין גאַנצן יוגנטלעכן ברען און ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט, האָט זיך גרעטץ אַריינגעוואָרפן אין דעם שטורמישן קאַמף, וואָס האָט זיך אין יענער צייט געפירט צווישן קאָנסערוואַטיזם און רעפאָרמיזם אויף די שפּאַלטן פון דער יודאַאיסטישער צייטשריפט „אָריענט". די אידעאָלאָגן פון ביידע ריכטונגען זיינען געווען ; שמשון רפאל הירש און לודוויק גייגער.



גרעטץ האָט פאַרטיידיקט די טראַדיציאָנעלע ריכטונג און שטאַרק באַקעמפט דעם אָנגרייפנדיקן ראַדיקאַלן רעפאָרמיזם. אין גייסט פון זיין פריינד און לערער, שמשון רפאל הירש. אָבער, צו גלייכער צייט, האָט ער זיך שאַרף אָפּגעגרעניצט פון זיינע מיטקעמפער, וועלכע האָבן בלינד פאַרגעטערט אַלץ, וואָס איז געוואָרן איינגעגלידערט אין דער פּראַקטיק פון רעליגיעזן לעבן. „טראַדיציע", האָט גרעטץ געהאַלטן, שטייט ניט אין דער קלענסטער סתירה מיט היסטאָרישן פּראָגרעס. אדרבא, זיין אידעאַל איז תמיד געווען צו דערציען אַ נייעם דור, וואָס זאָל געפינען די האַרמאָניע צווישן פּיעטיזם פאַר טראַדיציע און רעספּעקט פאַר די פאָדערונגען פון דער נייער צייט. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן צו גרינדן אַ ראַבינער־סעמינאַר, וואָס זאָל אויסבילדן אַ נייעם דור רבנים אין גייסט פון זיין סינטעטישן וועלט־באַנעם.

אין יאָר 1875 האָט גרעטץ געענדיקט אוניווערזיטעט און באַקומען זיין דאָקטאָר־דיפּלאָם אויפן סמך פון אַ דיסערטאַציע „דער גנאָסטיציזמוס אונד דאָס יודענטום". די דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, אין וועלכער ער האָט געמאַכט אַ פּרואוו אַרויסצוברענגען די טיפע השפעה פון דער עזאָטערישער טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישער ריכטונג אויפן גייסטיקן לעבן פון יידן אין א"י (בעתן אויפקום פון קריסטנטום) איז געווען זיין ערשטער אַרויסטריט אויפן געביט פון חכמת־היהדות און איז דערשינען אין פאַרלאַג פון באַרימטן מוכר־ספרים מאַנאַש, וועמעס טאָכטער איז שפּעטער געוואָרן גרעטץ'ס פרוי — די טרייע לעבן־באַגלייטערן פון דעם גרויסן היסטאָריקער.

אַ קליינער צופאַל, וואָס האָט געטראָפן אין דער זעלבער צייט, איז געוואָרן אַ ווענד־פּונקט אין גרעטץ'ס לעבן. נאָך אַ לאַנגן משא־ומתן מיט די גליוויצער ראשי הקהל איז ער אָנגענומען געוואָרן אַלס ראַבינער און פּרעדיקער פון דער יידישער קהילה אין גליוויץ. האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז סאַמע ערב יום כפור, בעת זיין ערשטער פייערלעכער דרשה אין שול, איז ער געבליבן שטיין אין מיטן, ניט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט פון מויל און, צו זיין גרויסער חרפה און צו דער נאָך־גרעסערער איבערראַשונג פון עולם, האָט ער געמוזט אַראָפּ פון בימה, ניט פאַרענדיקנדיק די דרשה. דער דאָזיקער, אין פלוג אומבאַדייטנדיקער עפּיזאָד, האָט אָבער באַשטימט דעם ווייטערדיקן לויף פון גרעטץ'ס לעבן און פאַקטיש אָפּגעראַטעוועט פאַרן יידישן פאָלק אַ גרויסן היסטאָריקער, וואָס האָט געקענט פאַרלוירן גיין. גרעטץ אַליין האָט, אונטערן רושם פון דעם עפּיזאָד, אָנגעשריבן אין זיין טאָג־בוך די ווייטערדיקע שורות: „די ראַבינער־פּראָפעסיע איז ווייניקער ווי אַלע אַנדערע פּראָפעסיעס צוגעפּאַסט פאַר מיר. עס פעלט מיר הדרת־פּנים און, דער עיקר, די פעאיקייט צו וועקן רעספּעקט צו זיך. אויך מיין וויסן איז צו שוואַך, אָבער איך באַזיץ אַ שטאַרקן ווילן און אויסדויער. אויב דאָס איז גענוג, כדי צו קענען דינען דעם אויבערשטן, בין איך גרייט צו דינען אים בכל לבבי ובכל נפשי — אָבער האַלטן דרשות... ניין, דאָס ניט".

נאָך דעם ווי דער יונגער געלערנטער האָט געמוזט דורכגיין נאָך עטלעכע

עטאַפּן (לייטונג פון אַ רעליגיעזער שולע אין ווראַלאַוו און לוקסעמבורג, לעקציעס אויף די יודאַאיסטישע קורסן אין בערלין), איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר פון יידישער געשיכטע אין ווראַצלאַווער ראַבינער־סעמינאַר (1853) און דורכדעם באַקומען סיי די נויטיקע מיטלען, סיי די וויסנשאַפטלעכע מעגלעכקייטן צו ווידמען זיך דעם אידעאַל פון זיין לעבן — דער מלאכת הקודש פון היסטאָריקער און לערער.

נאָך אַ סך פריער האָט גרעטץ זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָנצושרייבן אַן אַלגעמיינע געשיכטע פון יידישן פאָלק. אין אַן אַרטיקל „די קאָנסטרוקציאָן דער יודישן געשיכטע" (1846) האָט ער אָנגעצייכנט די גייסטיקע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון יידנטום, באַצייכנדיק דעם קאָנטראַסט צווישן געצנדינערײַ און יידנטום, ווי אַ קאַמף צווישן נאַטור און גייסט, וואָס שפּילט זיך אָפּ הן אין די צייטן פון אַלטערטום, בעת עבודה־זרה ווערט דירעקט באַקעמפט, הן אין די שפּעטערדיקע תקופות, ווען די בהדרגה׳דיקע אַנטוויקלונג פון געטלעכן רעיון ווערט מושפּע פון רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן. ס׳איז מער ווי קלאָר, אַז אַט די גרונט־הנחה האָט געפירט מיט גרעטץ׳ס פעדער, ווען ער האָט — אפשר אַביסל צו בולט — אונטערגעשטראָכן דעם גייסטיקן אַספּעקט אין זיין גלות־געשיכטע. דער דאָזיקער געשיכטלעכער באַנעם איז אויך צו אַלגעמיין און צו איינזייטיק, אַז מען זאָל קענען איינפּאַסן אין זיינע ראַמען דעם גאַנצן — אפילו נאָר דעם גייסטיקן — תוך פון דער 2000־יאָריקער יידישער געשיכטע. גרעטץ׳ן איז אָבער דער עיקר געגאַנגען אין דעם אויסצוגעפינען אַ פּירנדיקע אידייע פאַר זיין קאָנסטרוקציע — אַן אידייע, וואָס ליגט אינעווייניק, און ניט מחוץ, פון יידנטום. בכל אופן, האָט זיין אָריגינעלער צוגאַנג צום פּראָבלעם, ווי אויך דער דרייסטער אָנוואָרף פון פּלאַן, קלאָר באַוויזן, אַז דער אויטאָר איז באַרופן און איז ביכולת אויסצופירן זיין גרויסע אויפגאַבע.

אין יאָר 1853 איז גרעטץ צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן. ער האָט אָנגעהויבן מיטן 4טן באַנד פון זיין אַלגעמיינער יידישער געשיכטע, וואָס נעמט אַרום די תקופה פון חורבן בית שני ביז חתימת התלמוד. די ערשטע 3 בענד, וואָס האָבן געדאַרפט אַריינעמען די קלאַסישע געשיכטע פון יידישן פאָלק — די ביבלישע תקופה ביז די מכבייער — האָט ער אָפּגעלייגט, ביז ער וועט קענען באַזוכן ארץ ישראל און זען מיט די אייגענע אויגן די סצענע פון דער קלאַסישער עפּאָכע. דער פאַרלעגערישער „דערפאָלג" פון דעם פערטן באַנד האָט אָבער אָפּגענומען ביים פאַרלעגער דעם חשק אַרויסצוגעבן די ווייטערדיקע בענד. אַ גליקלעכער צופאַל האָט געוואָלט, אַז גראָד אין דער זעלבער צייט זאָל לודוויג פיליפּסאָן גרינדן זיין „אינסטיטוט צור פערדערונג דער איזראַעליטישן ליטעראַטור". דער אינסטיטוט האָט גענומען אויף זיך אַרויסצוגעבן די איבעריקע בענד, און זיי זענען רעגולער דערשינען, איינשליסנדיק דעם 11טן באַנד (1870), וואָס האָט דערפירט די יידישע געשיכטע ביזן יאָר 1878. די לעצטע, אייגנטלעך די ערשטע צוויי בענד, זענען אַרויס פון דרוק אין



די יאָרן 1870־1872, נאָך דעם ווי גרעטץ האָט זיך אומגעקערט פון ארץ ישראל. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דאָס גיגאַנטישע ווערק — די 12 בענדיקע „געשיכטע דער יידן" — נאָך אַ פעריאָד פון 23 יאָר.

ניט לאַנג האָט געדויערט, און דאָס ווערק איז געוואָרן איבערזעצט אויף פאַרשידענע לשונות (פראַנצויזיש, רוסיש, ענגליש), און — אחרון אחרון — אויף העברעאיש, דורך שאול פינחס ראַבינאָוויטש־שפ״ר (דברי ימי ישראל, מיט ווערטפולע הערות פון איבערזעצער און א. הרכבי).

גרעטץ־ס וויסנשאַפטלעכע אַרבעט האָט זיך ניט אויסגעשעפּט מיט זיין מאָנומענטאַלער יידישער געשיכטע. ניטאָ קיין איין געביט פון יודאַאיסטישער וויסנשאַפט, וואו גרעטץ זאָל ניט האָבן איבערגעלאָזן אַ קענטיקן שפּור פון זיין פילזייטיקער ערודיציע.

אינאיינעם מיט זכריה פרענקעל האָט ער געגרינדעט דעם וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל „מאָנאַטסשריפט פיר געשיכטע אונד וויסענשאַפט דעס יודענטומס" — אַן אמתער אוצר פאַר יעדן פאָרשער פון יידישער וויסנשאַפט. אין דעם זעלבן זשורנאַל האָט גרעטץ פאַרעפנטלעכט במשך פון די יאָרן (1852־1887) אַ ריי וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן — סרוב אויפן געביט פון געשיכטע און ליטעראַטור — אַן אַ שיעור מאמרים וועגן ביבל־קריטיק, פאָרשונגען וועגן גראַמאַטיק, היסטאָרישער געאָגראַפיע פון ארץ ישראל און אַנדערע וויסנשאַפטן. דערביי האָט ער זיך ניט איינגעשלאָסן אין די ד׳ אמות פון זיין וויסנשאַפטלעכן אַרבעט־קאַבינעט, נאָר אַקטיוו זיך באַטייליקט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָפּגענומען אַ לעבעדיקן אַנטייל אין אַקטועלע רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמע סימפּאַטיע צו דער אויפקומענדיקער באַוועגונג פון ישוב ארץ ישראל.

גרעטץ האָט זיך אויך קונה־שם געווען אין דער ניט־יידישער וויסנשאַפטלעכער וועלט. אַזוי, למשל, האָט דער ווראַצלאַווער אוניווערסיטעט אים באַשטימט אַלס פּראָפעסאָר פון אָריענטאַליסטיק, און די היסטאָרישע אַקאַדעמיע פון מאַדריד האָט אים געוויילט אַלס איר ערן־מיטגליד — אים, דעם ייד און געשיכטשרייבער פון דער אינקוויזיציע, פון גירוש שפּאַניע! דער 8טער באַנד פון גרעטץ׳ס געשיכטע (דריטע אויסגאַבע) וואָס הייבט זיך אָן מיט דער תקופה פון רמב״ם און שליסט זיך מיטן גירוש (1492) איז געווידמעט דער . . . מאַדרידער היסטאָרישער אַקאַדעמיע.

אין יאָר 1887, האָט די גאַנצע יידישע וועלט געפייערט דעם 70טן געבוירן־טאָג פון דעם באַרימטן היסטאָריקער. עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען זיין אומדערמידלעכער גייסט איז נאָך פול געווען מיט דרייסטע וויסנשאַפטלעכע פּלענער, האָט דער טויט איבערגעריסן דעם פאָדים פון זיין שעפעריש לעבן. ער איז געשטאָרבן אין מינכען דעם 7טן סעפּטעמבער 1891.

(סוף קומט)

פון פוילישן איבערזעצט — **ל. פינעם**

שלמה אויערבאך

# שאול טשערניכאָווסקי

(פינף יאָר נאָך זיין טויט)

לסב׳ר באהבה.

...„נטע זר את לעמך״ — ביסט אַ פרעמדע פלאַנץ ביי דיין פאָלק... אַזוי רעדט ער צו זיין מוזע, גאַנץ אין אָנהויב פון זיין דיכטערישן וועג, — אָבער אויך אין איינער פון זיינע לעצטע אויטוביאָגראַפישע פּאָעמעס: „האדם אינו אלא — תבנית נוף — מולדתו״ — דער מענטש איז נאָר אַן אָפּבילד פון זיין געבורטס־לאַנדשאַפט — הערט מען די זעלביקע טענה: „שירי זר ללב אומתי״ — מיין ליד איז פרעמד צום האַרץ פון מיין אומה... ווי ווייפיל ס׳איז ריכטיק זיין טענה און די סיבה אירע וויל איך פּרובן צו דעקלערן אין מיינע קורצע זכרון ווערטער. און אפשר וועט געלינגען אויפווייזן אויך דעם יידישן לייענער זיין מהות און זיין יצירה.

שוין מיט זיין נוף־מולדתו (געבורטס־לאַנדשאַפט) און מיט זיין דערציאונג איז שאול טשערניכאָווסקי גאַנץ פאַרשיידן פון אַלע יידישע העברעאישע בראשית־מענטשן — באַגרינדער פון אונזער ליטעראַטור. תמיד הערן מיר דאָך אין זייערע ביאָגראַפיעס דעמזעלביקן טרויעריקן מאָטיוו: געבוירן אין אַ קליינעם שטעטל ערגעץ־וואו אין רוסישן תחום־המושב (די ווייניקע גובערניעס וואו יידן האָבן געמעגט וואוינען אין צאַרישן רוסלאַנד), איינגעהויקערטע הייזקעס, פול מיט שרעקליכע זכרונות איבער קדושים, יאָושדיקן דלות און משיח־בענקען; ביי דריי יאָר וואַרפט מען שוין אויף אים אַרויף דעם עול פון דער תורה, שפּעטער איז ער גולה למקום תורה, וואַנדערט אין די ישיבות, גאָר יונג פאַרזוכט ער דעם טעם פון נע־ונד, „עסן טעג און שלינגען טרערן״ — אַזוי ווי אברהם רייזין האָט עס קלאַסיש אויסגעדריקט, — און ערשט נאָך פילע מאַטערנישן געט ער אַרויס „לתרבות רעה״ ד.ה. ער שלאָגט זיך דורך אין דער גרויסער וועלט....

שאול טשערניכאָווסקי, דער גרויסער אוניווערסאַלער דיכטער אין העברעאיש, דער באַזינגער פון דער ערד און אירע געטער — איז שוין געווען אַזוי ווי פון גורל באַשטימט דערצו: געבוירן אין די שענסטע מקומות פון דרום־רוסלאַנד, טאַווריען אין דער קרים, אַ ניי געביט וואָס נאָכדעם די רוסישע צאַרן האָבן אים פאַרנומען ביי די טערקען האָבן זיי זיך באַמיט אים צו באַזעצן מיט געזונטע מוטיגע מענטשן. אויך די יידן וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע שטעטלעך אין ליטע און פוילן און האָבן הונדערטע מייל דאָרט אַהין געוואַנדערט זענען נישט געווען קיין אויסגעוויקטע באַנק־קוועטשערס. מייסטענס בעלי־מלאכות, עכטע האַראָפּאַשניקעס, אָבער אויך די ווייניקע הענדלער האָבן זיך באַפאַסט מיט עבודת־אדמה. דאָס זענען געווען אונזערע ערשטע קאָלאָניסטן און חלוצים. אין דער וואָכן האָט מען זיי שווער געקאָנט אונטערשיידן פון



זייערע נישט־יידישע שכנים. נאָר שבת און יום־טוב האָבן זיי זיך דערמאָנט אין גאָט, אָבער אָן פיל זאָבאָבאָנעס און כוונות. אַזוי ווי אונזער דיכטער דערציילט אין זיין לעצטן און גרעסטן ווערק „עמא דדהבא״ (דאָס גאָלדענע בינען־פאָלק) „אין אַ קליינעם צוויי־קאָפּידיקן תהלים׳ל פאַרקנייטשן זיי אַ בלעטל צווישן די פינגער ותצא פינה קטנה להם, כדי להתייחד עם קונם״ — אַזוי אַרום קריגן זיי אַרויס אַ קליינעם ווינקל זיך מייחד צו זיין מיטן באַשעפער... און מקיים געווען האָבן זיי דעם „ושמחת בחגך״ נאָכן פּראָסטן פשט — מיט די אַלע געשמאַקע יידישע מאכלים וואָס טשערניכאָווסקי האָט אַזוי אַפּעטיטלעך באַזונגען אין זיינע אידיליעס. פון אָט דער געזונטער ערדישער יידישקייט שטאַמען טאַקע די אידיליעס זיינע איבער יידישע שמחות און יידישן שטייגער. און ס׳איז אויך פאַרשטענדלעך פאַרוואָס גראָדע ער, דער „פרעמדער־שטייגער״ האָט פאַראייביקט די שמחה של מצוה פון יידישע יום־טובים און ניט דער „היימישער, יסודותדיקער״ ביאַליק.

אין זיין דאָרף איז קיין חדר נישט געווען. דערפאַר האָט דער קליינער שאול נאָך אידער ער האָט געקאָנט עברי, אָנגעהויבן לערנען רוסיש אין אַ גויעשער שקאָלע. ערשט מיט 7 יאָר הויבט ער אָן מיט יידישע לימודים און דעם קינפטיקן גאון פונם העברעאישן שיר איז געלונגען גלייך אַריינצודרינגען אין די טיפענישן פונם תנ״ך, וואָס ער האָט באַלד געקאָנט כמעט אויסווייניק, אָבער קיין גמרא, אפילו נישט קיין פירושים. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערציילט ער פון זיין שנאה צו פירושים: „דער פסוק אין חומש איז אַזוי שיין און קלאָר — און רשי׳ן איז תמיד עפּעס קשה״... ערשט שפּעטער אין אָדעס וואו ער איז אַריין אין דער מיטל־שול, דורך דער השפעה פון זיין לעבנלאַנגען פריינד און הייסן חסיד יוסף קלויזנער, פאַרטיפט ער זיך אין ידיעת־היהדות, אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור א.א.וו. מיר האָבן אויך יוסף קלויזנערן צו פאַרדאַנקען וואָס שאול טשערניכאָווסקי איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען פון אונז אין דער רוסישער ליטעראַטור — ער האָט אויך אָנגעהויבן מיט רוסישע לידער. קלויזנער האָט אים אויך פּאַרטיישטש, מפרש געווען דעם דעמאָלדיקן העברעאישן לייענער, וואָס האָט צוערשט אַזוי שווער פאַרדייעט טשערניכאָווסקי׳ס פּאָעזיע. וואָס האָט אָבער גאָר גרינג אויפגענומען ביאַליקן; —ס׳איז אַ גרויסער חילוק אויב אַ ליד הייסט „על סף בית המדרש״, „המתמיד״, אָדער ווען עס הייסט גאָר „טריאָלעט״, „קאַפּריטשיאָז״, „נאָקטורנאָ״... דאָס איז געווען פרעמד און אויך טיילווייז פרעמד געבליבן עד היום דעם קורא ותיק, וואָס קאָן גוט לשון קודש, אָבער גאָר ווייניק באַהאַוונט אין סובלימער פּאָעזיע; ביאַליקן פאַרשטייט ער אויף זיין שטייגער; די טעמע איז היימיש, דער נשמה׳דיקער לשון, די האַרציקע יידישע לירישקייט א.א.וו.

יוסף קלויזנער האָט אים אַריינגעפירט אַלס העלעניסטישן דיכטער אין העברעאיש, „יווני״! אין אמתן אָבער איז דאָס נאָר בכדי „דאָס קינד זאָל האָבן אַ נאָמען! ווייל טשערניכאָווסקי איז אַן עכט העברעאישער דיכטער — און דאָס האָט זיין פילגעלערנטער אַריינפירער גוט געוואוסט) — אָבער פון דער

אוראַלטער יידישער קולטור, נאָך נישט באַשווערט מיט ספרים־שטויב, די יידישקייט פונם דור המדבר. ווי אַזוי ער אַליין באַצייכנט זיך אין דעם קלינגנדיקן זמר זיינעם „מנגינה לי ונגינה לי מימים משכבר“ — אַ געזאַנג האָב איך און אַ מעלאָדיע גאָר פון אַמאָל, „דם כובשי כנען דמי הוא“ — מיין בלוט איז פון די דעראָבערער פון כנען, פון דעם דור המדבר וואָס האָבן זיך אַרומגעקריגט מיט דעם תורה־געבער טשערניכאָווסקי איז דער עכטער באַזינגער פון די מוטיגע מעפּילים דאָרט, וואָס שטייגן בערג־אַרויף, אויך ווען דער ארון קודש מיט דער תורה וואָס איז אויסגהאַקט אין שטיין בלייבט אין טאָל.....

ער איז אויך דער דיכטער פון די „שיכורי אפרים“, אפרים׳ס שיכורים, אַזוי זענען מבזה די נביאים פונם דורשטיקן הונגעריקן יהודה די געזונטע שבטים וואָס פרייען זיך אין „שמחה בקציר“ מיט דער ברכה פון זייער זאַפטיקער ערד, געבן אַ דאַנק־טאַנץ זייערע נאַטור־געטער. פון פרוכטבאַרקייט און וואַקסטום — עשטרות און בל. די בנות אפרים וואונדערן זיך (טשער. „מחזיונות נביאי השקר, (די וויזיעס פון די פאַלשע נביאים),—„ולמי כל השפע, כל רזי הליל, אם לא לעשתרות ולבל?“ — פון וואַנעט דען קומט די גאַנצע שפע, אַלע סודות פון דער נאַכט אויב נישט פון עשתורת און פון בל? —

אַט דאָס רופן זיינס, צום נאַטירליכן לעבן, איז נישט נאָר אויסגעדרוקט אין זיינע געטצענדינערישע לידער, אין די „מוניטות עכום“, אין די וויזיעס פון די פאַלשע נביאים, אין אַלע זיינע נאַטור לידער, — אויך אין זיינע אידייליעס פון יידישע חתונות און בריתן, — אויך דאָ, ווי שוין באַמערקט, זעט ער שפּאָרן פון עלמענטאַרן געזונטן לעבן, שמחות פון אַרבעטענדיקע נאַטירליכע מענטשן. — די עכו״ם סונעטן, אגב די טיפסטע אפילו אין זיין יצירה, דורכגעהויכט מיט פילאָזאָפישע תהומות׳דיקע געדאַנקען, זענען נאָר סימבאָלישע אויסדריקן פאַר געפילן און רצונות פון דורות, הונגעריקע נאָך ערד, פאַרשמאַכטעטע אין די ענגע יידישע געסלעך פונם האָפנונגסלאָזן שטעטל, בפרט אינם רוסישן תחום־המושב.

און דאָס אַלץ איז געבליבן אומפאַרשטענדלעך, פרעמד, נישט נאָר דעם לשון קודשדיקן באַלעבאַטישן לייענער, נישט נאָר דעם איבערפלעכלכן קריטיקער פון דעמאָלט; אפילו אחד־העם, דער טיפזיניקער פילאָזאָפישער עסייאיסט אַלגעמיין אַנערקענטער מנהיג רוחני פונם דור — האָט אויך מיט זיין גאַנצער אייראָפּעאישער בילדונג נישט באַגריפן, אָדער נישט געוואָלט באַגרייפן, דעם אמתן תוך פון טשערניכאָווסקי׳ס אלילות־דיקייט. און האָט דעם יונגן גאון אָפּגעשטויסן פון זיין „השילוח“! — זיי אַלע האָבן נישט געזען אַז גראַדע די דאָזיקע געצענדינערישקייט איז דער טיפסטער פּאָעטישער אויסדרוק פונם דור־התחיה, פון אַ דור וואָס וויל פון זיך אַראָפּוואַרפן דעם שווערן גאָר טייערן יחוס פון עם־הספר און ווערן ככל הגויים. אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, וואָס שטייט פעסט אויף דער ערד. איז דאָך קיין אנדערער אלס שאול טשערניכאָווסקי וואָס האָט אַזוי דייטלעך אַרויסגעזאָגט אין זיין „אני מאמין“ (וואָס איז געוואָרען באַלד צום פאָלקס־ליד) 1892, נאָך עטלעכע יאָר פאַרן



ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס! אַז ער גלויבט אויך אין אַ פרייען יידישן דור, וועלכער — „יחיה, יאהב, יפעל, יעש — דור בארץ, אמנם חי, לא בעתיד בשמים — חיי רוח לו אין די“ — אַ דור וואָס וועט לעבן, ליבן, אַרבעטן און שאַפן, דאָ אויף דער ערד — נישט אין הימל, גייסטיק לעבן אַליין גענוגט נישט!“

אפילו אין זיין באַרימטן „לנוכח פסל אפלו“ — ווען ער קניעט פאַר דער סטאַטוע פון אַפּאָלאָ, קניעט ער דאָך נישט פאַר דעם שטיינערנעם באָק, ווי מען האָט איהם דעמאָלט באַשולדיגט — נעמען מיר נאָר אַ פּאָר שורות פונם קלאַסישן ליד: „...איך קניע פאַר דיר אלס פאַר אַ סמל (אַ סימבאָל) פון דעם בעסטן און דערהויבענעם אין גאַנצן באשאף —איך קניע פאַר דעם לעבן — פאַר דעם אומענדלעך שיינעם און דערהויבענעם אין די טיפסטע סודות פון דער יצירה“. אא״וו. אַלץ וואָס די גאַנצע נייע יידישע ליטעראַטור האָט נאָך ביז איהם און נאָך איהם באַזונגען און געפּאָדערט, אָבער נישט אין אַזאַ געניאַלער דיכטערישער פאָרם. (אחד העם אין זיינעם אַ בריף צו יוסף קלויזנער באַהויפּטעט; דווקא דער פּאָעטישער גייסט וואָס באַהויכט די דאָזיקע זיינע אידעעס פאַרמערן נאָך זייער סכנה און שעדלעכקייט אַזוי ווי שטויבצוקער וואָס ווערט פאַרמישט אין פליגן־סם... אגרות א׳ ה׳ ב׳ 262).

נאָר דער סוף־ריים, איבער דעם צורישדי. דעם יידישן פעלזן־פעסטן גאָט „וואָס האָט כנען דעראָבערט אין שטורם“ — און די שונאים פון ליכט, די מורדי אור, האָבן אים געפּענטעט מיט תפילין־רצועות — איז אַביסל אינגעלש־משכיליש. דעם דאָזיקן אידעאַל פון אַ לעבן פון אַרבעט, פון ליכט און פרייען שאַפן, פון חדוות היצירה ביי די יידן האָט ער געהייליקט זיינע שענסטע און טיפסטע לידער, ווי „שיר על המחוללות“, די שוין דערמאָנטע סאָנעטעס, און דעם שענסטן עלעגישן־טנאַך־מזמור „מות התמוז“. דער טויט פונם תמוז, דער גאָט פון ליכט, אויפן שטראָף וואָרט פון יחזקאל „הנשים יושבות מבכות את התמוז“ (יחזקאל 14־8). מיט מעלאָדישן טאַנץ־ריים, די צאַרטע אומעטיקע מעלאָדיע האַלט דורך, אַלע 13 בתים — (סטראָפעס) — וואָס זענען פון איין גוס אין וואָרט און קלאַנג; צאינה ובכינה, בנות ציון לתמוז, לתמוז הבחיר, לתמוז כי מת הימים הבאים יהיו ימי־ענן, ימי ליקוי נשמות וסתיו בלא עת“ — גייט און באַוויינט ציון׳ס טעכטער דעם תמוז, דעם תמוז דעם קלאָרן, דער תמוז אין טויט, די קומענדע טעג וועלן זיין וואָלקען־טעג, פאַרפינסטערטע נשמות און פאַרצייטיקער הארבסט“... און אַזוי ביז צום סוף —אַ קדיש־יתום פאַר דעם ליכט, און ווי אַזוי אלץ איז אָפּגעשטאָרבן מיט דעם טויט פונם תמוז, די פאַר־יתום׳טע הונגעריקע פייגעלעך זינגען אומעטיק, די בוימער נאַקעט, געלע בלעטער שורשען מיט אַ קרעכץ, ווייל דער תמוז דער ליכטיקע, וואַרימע איז טויט. טשערניכאָווסקי האָט מיט אַט די לידער געוואָלט דאָס אייביקע שאַפנדע ליכט אין דער וועלט און בפרט ביי די יידן צו פאַרשטאַרקן, ס׳זאָל ברענען מיט אַן אייביקן נישט פאַרלעשנדן פייער.

## ב.

א שפּעטערע סאָנעטע הויבט זיך אָן: „האם הקדמתי בוא, או אחר צור בראַני" — בין איך געקומען צו פרי — אָדער האָט מיך גאָט פאַרשפּעטיקט צו שאַפן? — יאָ, ער איז צו פרי געקומען מיט זיינע נייע פּאָעטישע פאָרמען, צו פרי פאַר דעם לייענער, צו פרי פאַר דער קוים אַנטוויקלטער פּאָעטישער שפּראַך. (ביאַליק האָט זיינע גרויסע שאַפונגס־אַרבעט אויף דעם געביט פון אַ מאָדערנעם העבּרעאישן דיכטונגס־סיגנון, קוים אָנגעהויבן — זיי זענען דאָך ביידע גלייכצייטיק דערשינען אין דער העבּרעאישער יצירה. שאול טשערניכאָווסקי האָט אָבער געצוואונגען די פּאָעטישע פליסנדיקע נביאישע מליצה מיט אירע אָפּט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער ניט קוקנדיק אויף די פילע פּירושים, אויף וועלכע רש"י אַליין איז זיך מודה נישט צו פאַרשטיין זייער פּשט, אומפאַרשטענדלעך דערפאַר ווייל דאָס לעבן פון אַמאָל וואָס האָט די ווערטער געפאָרמט איז אומבאַקאַנט. — און דאָס אַלץ אין די שטרענגע פאָרמען פון מאָדערנע ריטם און גראַם. ס'איז אין פלוג, אויך מערקווירדיק, ווי ער וואָס איז מיט זיין גאַנצער פּאָעטישער נשמה איבערגעגעבן דעם אַלטן, אורוועלטלעכן, פּרימיטיוון, נישט נאָר. ווי איך האָב זיך באַמיט צו דערקלערן, אין זיין יהדות־אויפפאַסונג אויך אין דער אַלגעמיינער טעמאַטיק, אין דער נאַטור און ליבע געזאַנגען איז ער נוטה צום פּרימיטיוו, צום אַלטן קולטור שטייגער, איז ער אָבער אין פּאָעטישע פאָרמען אַ גאָר גרויסער מקפּיד, אויף דעם נייעם מאָדערנעם נוסח, זיין ריים און ריטם איז שטרענג אויסגעהאַלטן ביז אויף דעם מינדסטן קלאַנג. דאָס וואָרט אַליין, דער אינעווייניקער באַדייט פונם וואָרט איז ביי אים לאו דווקא, דער עיקרשט איז דער קלנג, דאָס מוזיקאַלישע אינם וואָרט, אַז ס'זאָל זיך בעסער אַריינפּאַסן אינם ריטם פונם ליד... (דאָס איז געווען ביי אים נאָר אין דער ערשטער תקופה זיינער, שפּעטער — שוין אין זיינע לעצטע אידיליען אין „עלקע'ס חתונה", למשל, און בפרט אין „עמא דדהבא האט ער דערגרייכט אין לשון אַ גאַנצקייט און נאַטירלעכע פּשוט'קייט אין שפּראַך, פולבלוטיקן אויסדרוק־שטאַרקייט וואָס — אָפּגעזען פון ביאַליק — האָט נאָך פאַר אים און אויך נאָך אים קיינער נישט דערגאַנגען, אפשר שניאור אין זיינע „פּרקי יער").

דער קלאַנג, דאָס מוזיקאַלישע אין זיינע לידער איז אַזוי פּאָלקאָם אַז ס'איז שווער געווען פאַר די בעסטע יידישע קאָמפּאָזיטאָרס צו שאַפן אַ מעלאָדיע צו מאַנכע לידער, — אַזוי ווי עס איז אוממעגלעך צו שאַפן מעלאָדיען צו בעטהאָווענס אַ סאָנאַטע. אין דעם זוכן און שטרעבן צום קלאַנג, נישט אַזוי צום אויסדרוקפולן וואָרט — איז דאָך נאָך מיין מיינונג די סיבה — זיינע „ווילדע" פאַרצייטיקע עלעמענטאַרקייט; ווען דער אורמענטש האָט נאָך ווייניק ווערטער געהאַט, נאָר אין טאָן פון זיין אויפשריי און ריטמישע באַוועגונגען פונם קערפּער, אויסגעדריקט זיין פּחד און שמחה... אַזוי געפינען מיר ביי טשערניכאָווסקי איינע פון זיינע שענסטע באַלאַדען געגרינדעט אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן פּסוק וואָס איז אָבער מוזיקאַליש מיט זיינע 9 ווערטער, געטיילט



אין 3 מוזיקאַלישע חלקים: ויהי בישורון מלך בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל (ס'איז געווען ביי יידן אַ מלך, ווען די עלצטע פון פאָלק האָבן זיך פאַרזאַמלט, אַלע ישראל'ס שבטים אינאיינעם). ווען מען לייענט עס שמחת־תורה מיטן יום־טוב'דיקן ניגון, פאַר אַ ביסל נאָך פון נעכטן מבוסמדיקן עולם האָט מען קיין פּירושים נישט געזוכט די אַלע פּרפּ"ט פּירושים פאַרדרייען דעם פּסוק נאָך מער. טשערניכאָווסקי האָט קיין פּירוש נישט באַדאַרפט, נאָר דעם ריטם פונם יום־טובדיקן טראָפּ, האָט נאָר אויסגענוצט די ערשטע צוויי דריטל און האָט געשאַפן אַ באַלאַדע, וואָס איז אַפילו צווישן זיינע באַלאַדעס די שענסטע און זינגעוודיקע. אַלס אַליטעראַציע דינט אים דער ערשטער טייל: ויהי בישורון מלך... לויט'ן אופן פון די מחזורדיקע פּזמונות. בכלל, האָט מען לכתחילה, אין זיינע קורצע ראָמאַנסן, מיט דעם שווערן דקדוק, געגלויבט אַז איינער פון דער ספרדישע גאָלדענער פּאָעזיע־תקופה איז אויפגעשטאַנען תחית המתים.

שאול טשערניכאָווסקי האָט אַריינגעפירט אַלע הארבסטע פאָרמען אין דער העבּרעאישער פּאָעזיע: אויך די שווערסטע דאַנטישע טערצינע, און די פּעטראַרקישע סאָנעטן מיט אַלע אירע שווערע הלכות, וואָס ווי אַזוי ס'איז באַקאַנט האָבן נישט אַלע וועלט דיכטער זיי אויסגעהאַלטן; נישט שעקספּיר, נישט געטע, אויך נישט פּושקין, ער האָט באַוויזן צו שאַפן כלילי סונטות — סונעטן־קראַנץ, ד.ה. אַ סעריע פון 15 סאָנעטן, וואו יעדע צווייטע הויבט זיך אָן מיט דער לעצטער שורה פון דער פריערדיקער און די 15־טע באַשטייט פון די ערשטע שורות פון אַלע פריערדיקע 14! — און אַלץ דאָס איז מלא וגדוש מיט געדאַנקען און רמזים, מיט דעם אַלעם וואָס דער מאָדערנע מענש האָט געדאַכט, געפילט און איבערגעלעבט אין די לעצטע גורלדיקע יאָרן. דערצו נאָך די אינטענסיוויקייט פון די איבערלעבענישן פונם יידישן מאָדערנעם דענקענדען מענשן! ס'איז אוממעגלעך אַפילו אָנצודייטן דעם אינהאַלט פון זיינע סאָנעטעס און זיין דיכטונג בכלל. אין פלוג, איז זער אָרים אַ דיכטונג פון וועלכער מען קאָן דעם תוכן דערציילן אין פּראָזע. בפרט טשערניכאָווסקי מיט זיינע טיפע רמזים און זיין תהומות'דיקער סימבאָליק. דאָס אַלץ הערט זיך אַרויס נישט נאָר פון די ווערטער, נאָך מער פונם קלאַנג פון זייער מוזיק. פילע לידער זענען אַזוי קלינגענדיק מוזיקאַליש ווי געשריבן אויף נאָטן, ניט מיט ווערטער.... זיינע אייביק יונגע ליבעס לידער, דריקן אויס די נאַטירלעכע באַציאונג צווישן די געשלעכטער, און נישט קוקנדיק אויף זייער אומפאַרשלייערטן אויסדרוק, זענען זיי פאַרקלערט, מיט אַ ווייטאַקדיקער בענקעניש, וועלכע הויבט די נשמה איבער די גאַנצע מאָנאָטאָניע און גראָקייט פונם אַלטעגלעכן לעבן.

זיינע נאַטור לידער, — כאָטש די נאַטור איז אין זיין גאַנצן שאַפן באַזונגען האָט ער אויך אַ באַזונדערע נאַטור דיכטונג אָפּטיילונג מיטן נאָמען „מראות ועהונגען", פיל פּרטים פלאַסטיש באַשריבן, צו פיל פּרטים, אַזוי ווי ער זוכט זיך פאַרגעסן, אונטערטויכן אין די אומענדלעכקייט פונם אומענדלעכן, אינם אין־סוף. אין איין נאַטור ליד באַגערט ער אַפילו „להיות חוט אחד ברשת

עולמים" — צו זיין אין פּאָדים אינם אייביקן געוועב. ביי ס'רוב פון אונזערע דיכטער זענען זייערע נאטור לידער נאָר אַ בענקעניש אל אשר לא כאן, נאָך דעם וואָס האָבן קיינמאָל נישט דורכגעלעבט אלס רעאַליטעט. טשערניכאָווסקי דער דאָרפס־ייד, דער נאטירלעכער עלעמענטארער מענש און דיכטער, דיכטעט נישט די נאטור, נאָר די נאטור אַליין זינגט אַרויס פון זיינע לידער איר אייביקן שאַפונגס געזאנג...

ס'איז שווער צו אילוסטרירן אלעס וואָס איך האָב דאָ אַרויסגעזאָגט מיט ציטאַטעס, ווען מען שרייבט נישט אינם לשון פונם דיכטער'ס יצירה, בפרט אַז ס'איז נאָך כמעט נישט געמאכט געוואָרן קיין שוואַכער נסיון אַפילו פון איינער איבערזעצונג אין יידיש. איך לאָז אויך איבער פאר אַ ווייטערדיק קאַפּיטל דאָס אויפציילן פון אלע פילע פאָרמעס אין די גרויסע טעמאַטיק זיינע. איך וויל נאָר צום סוף זאָגן אָט דאָס: דאָס פּאָעטישע שאַפן פון שאול טשערניכאָווסקי איז געגליכן צו אַן אומענדלעכן וואַלד, ווען מען קומט אַריין אַהין צוערשט ווייסט מען נישט וואוהין זיך קערן און ווענדן, — אָבער ווען דו גייסט דורך אַ גרעסער שטיק וועג — דורכברעכן שוין שטראַלן דורך די הויכע ביימער, דו ווערסט פארשיכורט פונם טוי פון די גוטע ריחות, און פארבלייבסט גערן פון איר געפאנגען.



מתתיהו פּאַפּירמייסטער (תל אביב)

## אליעזר בן־יהודה — דער פּיאָנער פון העברעאיש אין ארץ ישראל

(צום 25 יאָריקן יאָרצייט)

איינע פון די וואונדער פון נייעם ארץ ישראל איז די אויפלעבונג פון העברעאיש. אומעטום אין די גאסן, אין די שולן, אויף די וועגן פון דן ביז באר־שבע, הערסטו ניט קיין אנדער שפּראַך ווי העברעאיש.

ס'דוכט זיך שוין אויס, אַז אזוי איז שטענדיק געווען. אין דער אמת'ן אָבער איז געווען דאָ אין ירושלים אַ מאַן וואָס האָט דאָס אויסגעטרוימט און אויסגעקעמפט.

מערקווירדיק איז זיין לעבנס געשיכטע. זיינע קינדער יאָרן זענען אדורכגעלאָפן אין דער ליטע און בעת ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים צוריק מיט 70 יאָר און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן דאָ העברעאיש האָבן אים דאָ אלע אויסגעלאכט.

וואָס אזוינס האָט געשטעקט אין דעם דאַרן, קליינעם ליטווישן משכיל, וואָס פאר אַ טרייב־קראַפט האָט אים געבראכט דערצו אַז ער זאָל אזוי פיל שאַפן און ליידן? וואָס פאַר אַ איבערמענטשלעכע ענערגיע האָט אים דעם קראַנקן, לונג־לאָזן אייביקן גוסס געגעבן די מעגלעכקייט איבערצולעבן אלע יסורים, אלע ליידן, אלע שוועריקייטן, און זיך גובר זיין איבער דעם שטן־המשחית, וועלכער האָט געשטערט אונזער ארבייט און פארביטערט און שווער געמאכט די עקזיסטענץ פון אונזערע קולטור טרעגער?

בשעת בן־יהודה איז אָנגעקומען מיט זיין יונגער ערשטער פרוי, דבורה, האָט ער פארדינט גאנצע פינף פראַנק אַ וואָך (בערך אַ דאָלאַר) אלס מיטארבייטער אין „חבצלת" און האָט פאָרטגעזעצט זיין ארבייט בשעת דער איידעלער נסים בכר, דער דעמאָלטדיקער דירעקטאָר פון דער אליאנס שולע, האָט אים, טראָץ דעם ווילן פון זיינע בעלי־בתים אין פאריז, גענומען אלס אַ לערער פאַר העברעאיש, בשתיקה, פאַר אַ געהאַלט פון 06 פראַנק אַ מאָנאט. און אזוי האָט ער געלעבט, אזוי האָט ער געקעמפט און געראנגלט זיך פאר זיינע אידעאלן, און אזוי האָט ער געהאלטן אין איין זיגן פארקוקנדיק פארשידענע שוועריקייטן, וועלכע אנדערע האָבן קריטיקירט, ניט פארשטייענדיק אז ווען דער קראַנקער בן־יהודה וואָלט אויסגענוצט זיין שטאַרקע מאָראַלישע קראַפט אויף זייטיקע לעבנס פראגן, וואָלט זיין שוואַכער פיזישער צושטאנד ניט געקלעקט אפילו אויף אַ צענטל פון דעם וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאר דעם פאָלק, פאר דער שפּראַך און פאר דער צוקונפט. אויב עס איז יאָ דאָ וועמען צו קריטיקירן, איז עס טאקע ווידער אמאָל אונזער פאָלק, אונזערע בעלי־בתים, אונזערע חובבים און פאָלקס־עסקנים, וועלכע האָבן צוגעלאָזט דערצו אַז פון צייט צו צייט זאָל דער קראַנקער בן־יהודה ליידן פון דחקות, דאָס זיין נשמה זאָל אים אויסגיין ביז ער האָט באַקומען די מאַטעריעלע שטיצע, וועלכע האָט אים ערלויבט צו לעבן און צו ארבייטן. אויב זיינע יאָרן זיינען יאָ פארקירצט געוואָרן און זיין וואונדערבארע ענערגיע האָט ניט אָנגעהאלטן פאר נאָך אַ פּאָר יאָר ביז ער וואָלט פארענדיקט זיין גרויסע ארבייט, דעם „מלון", דער גרויסער העברעאישער ווערטער־בוך, איז עס געווען נאָר דערפאַר, ווי ער אַליין האָט זיך אַמאָל מתודה געווען פאר מיר. וואָס פון צייט צו צייט האָט ער געמוזט פארלאָזן זיין רוהיגן קאבינעט, זיינע ספרים, די טרייע צוגעביגטקייט פון זיין פרוי חמדה, וועלכע האָט אים אזוי פיל מאָל געראַטעוועט פון טויט און נויט, און איבערהויפּט די ליכטיקע און וואַרעמענדע ירושלים'ער זון אַן וועלכער ער האָט בוכשטעבליך ניט געקענט לעבן און האָט געמוזט אַ שוואַכער און קראַנקער זיין גע־ונד אין פרעמדע קאַלטע לענדער וואו ער האָט געזוכט מיטלען צום לעבן. און ווען מען זאָגט לעבן, מיינט מען עס זיין נאַציאָנאלער לעבן.

דער דאָזיקער פייער, זיינע לעצטע פונקען, האָבן נאָך געטליעט, קוים געברענט אין די לעצטע ישיבות און בתי המדרש. די אלטע יידישע קוילן (הגחלת הנותרת) האָבן דורכגעמאכט דעם לאַנגען גלות ביז זיי האָבן אָנגעהויבן פארלאָשן ווערן אין אונזער דור. נאָך מיט אַ דור פריער האָט דער ליטווישער ישיבה בחור פרץ סמאָלענסקי'ן באשריבן מיט באַגייסטערונג פון אַ רעאַליטעט די וואַרימקייט פון די ישיבות און פון די אידעאלע ישיבה בחורים (ווי גדעון און אנדערע יונגע, הויך־מאָראַלישע נשמות); אָביסל שפּעטער האָט

דער וואַלינער האַלב־דענקער, האַלב־מיסטיקער, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי געשריבן מיט אַ באַגייסטערטן פּאַטאָס די גרויסע קולטורעלע ראָלע פון דער ישיבה פון וואָלאָזשין; און נעהנטער צו אונז, אין אונזער דור, האָט דער ראָ־מאַנטיקער אין זיין „המתמיד" באַזונגען מיט אַ צאַרטער ליבער מעלאַנכאָליע, אַזוי ווי מען באַוויינט אַ טייערן גאַסט, די לעצטע לייכטענדע פייערלעך פון דעם מאור שבתורה וועלכע, ווי דער דיכטער ווייזט עס אין אַנדערע פּאָעזיען (דבר) ווערט שוין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט...

די ליכט, דער הייליקער פייער, איז קאַלט געוואָרן — זעט אויס ווי אויז אין די קאַלטער הערצער פון אונזער דור. מען האָט געקענט מיינען צוזאַמען מיט אונזערע סקעפּטיקער אַז די גרויסע העברעאישע, נביאים'שע טראַדיציאָן האַלט שוין ביים אונטערגיין. דאָס אַפּגעריסענע איז געוואָרן דער רויטער פאָדים וועלכער פאַרבינדט אונז מיט דער גרויסער אידעאַלער פאַרגאַנגענ־הייט.

עס איז אָבער ניט געווען אַזוי. איינעם פון די לעצטע פונקען פון דעם דאָזיקן אידעאַליזם פון „עם עולם" האָט מיט זיך פאַרטראָגן דער קראַנקער, כמעט גוף־לאָזער, בן־יהודה; פאַרטראָגן מיט זיך אין דעם ווייטן, עלענדן לאַנד פון וואַנעט דער פייער איז געקומען, וואו ער האָט אַמאָל געפלאַקערט אַזוי ליכטיג דאָס די גאַנצע וועלט האָט אים געזען און באַוואונדערט אים נאָך ביז צום היינטיקן טאָג.

און גאַנצע 40 יאָר האָט בן־יהודה אויפגעהאַלטן און געצונדן מיט זיין נשמה, מיט זיינע קראַנקע לונגען, מיט זיין שטאַרקן כאַראַקטער פון אידעאַ־ליסט, ביז די העברעאישע שפּראַך איז געוואָרן אַ לעבעדיקע שפּראַך, ביז אַ העברעאיש פאָלק איז ענטשטאַנען אין דעם שוין האַלב באַפרייטן לאַנד, ביז ער, דער ערשטער באַוואוסטער פּאָליטישער בירגער האָט זוכה געווען צו זען גאַנצע הונדערט טויזנט יידישע בירגער פון ארץ ישׂראל.

ער איז געווען אַן אויסגעצייכנעטער פּובליציסט. ער איז געווען אַ קול־טור־טרעגער, אַ גרויסער קעמפער. ער איז געווען אַ פּראָדוקטיווער שפּראַך־פאָרשער און אַ פרוכטבאַרער פאָלקס־לערער. ער האָט געהאַט פיל אַנדערע השלמות וועלכע האָבן אריבערגעוואויגן די שוואַכקייטן, וואָס באַדייטן מענטש־לעכע שוואַכקייטן און פּריוואַטע טעותים געגן דער היסטאָרישער ווירקונג וואָס אליעזר בן־יהודה האָט געהאַט אויף די צוקונפטיקע אויסבילדונג פון פאָלק און לאַנד!

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street. W.C.1



# א. נ. שטענצל

## שלחמנות אין א קליין טעלערל

(פורים גראַמען)

1. בריוו פון סטענלי צום פּרעזידענט אין ישראל

ברוך השם, אַז מיר האָבן שוין איצט
אַ מלוכה מיט מיניסטאָרן אייגענע,
זאָלן זיי גיין, אויף לייטיש געלעכטער,
אין הויזן געלאַטעטע און צייגענע?

און וואָסער פּנים קאָן עס שוין האָבן
אַן אויסערן מיניסטער אָן אַ האַוואַנע?
אַזאַ שמעקנדיקע שטאַרקע ציגאַר
קאָן מער אַמאָל אויפטון ווי גאַנצע הגנה.

געדענקט איר אונזער טשערטשילס ציגאַרל,
ווי קונציק געדרייט ר'האָט דאָס צווישן די לעפצן?
פרעגט אים: פון וואו ער האָט עס גענומען?...
איר זענט דאָך פּרעזידענט. מאַכט אַ „ביג־טו" טרעפצן.

געמיינט כ'וועל'ס דערפירן כאָטש צו אַ „סער",
מילא, נישט געפידלט — ס'איז מיר נישט געלונגען;
מיינט איר, ווייל איך טויג נישט — איך טויג שוין גאָר!
נאָר מ'האָט אויף מיין ברית „וכרות" געזונגען....

די אַלטע מעשה „ישנו עם אחד" — —
און יעדער איינער וויל כאָטש ווערן אַ סערל,
איינער פון וויסקי, איינער פון הויזן....
צווישן אונז גערעדט: כ'קען אַ נאַרישן קערל —

און וואָס איז דער גאַנצער לאָרד סעמועל,
בכן ער האָט די הפטורה אויסגעזונגען....
און אַז איר דעמלט זיך נישט באַלאָרדישט,
האָט דאָך די וועלט מיט אייער חכמה געקלונגען.

איז וואָס פון דעם סעמועל געוואָרן?
אַ מלמד געווען און אַזאַ געבליבן!
לערנט די פּרשה מיט די גראָבע קעפּ —
נישט איין פּאָר הויזן שוין אין לאָרד־הויז צעריבן.

און איר אַ יינגל פון רב מאָטעלע,
אינם דרדיקן חדר ווי איך געגאַנגען,
„בלבוש מלכות תכלת וארגמן“,
איז אייער פּאָרטרעט איצט מיט פּענער באַהאָנגען.

הויך וווּיל געבוירענער, הער פּרעזידענט,
כ'זאָג אייך, ווען איך האַלט נאָך אויס איין איינציק יערל — — —
וואָס האָב איך נישט פון בעלטשערלען געמאַכט
פון דעם ליבן חרבונה מיט מיין ליקערל.

וואָס טויגן מיר דאָרט די אַלע שמאָנצעס,
ביי עשו'ן ליגט די תורה אין דער כוסה!
און יעצט, אַז מיר ווערן מיט פעלקער גלייך,
זאָל אונזער פאָלק טאַקע זיין צווישן די גרויסע.....

דאָס מיינען מן הסתם די חכמים,
ווען אין זיירע הייליקע ספרים זיי שרייבן,
ווען משיח קומט, הערן אַלע מצות אויף,
נאָר די מצוה פון פורים וועט איבערבלייבן.

און צוריקגעשמועסט ס'גייט דאָך צו פורים,
האָב איך אין מיין פאַרקליין־פּלעט פון יענע פלאַשן,
און מיינע, מיט אירע ליכט־בענטשן הענט,
וועט נאָך דערצו מאַכן אירע המן־טאַשן.

איז עס דען געפילטע המן־טעשלעך,
ס'זיינען דאָך ממש בוזעם קעשענעס פולע!
און וואָס אַלץ זי שטופּט נישט אין זיי אַריין.....
און אַצינד, אַז מיר האָבן שוין די גאולה — —

איי, איר זענט דאָך עפּעס משלנו — —
וועט עס נישט זיין קיין מתנות נאָר — שלחמנות!
אַ, איר וועט פאַרשטיין אויך מיין יידיש האַרץ,
וואָס ווערט ממש צעריסן פון גרויס רחמנות,

דערזעענדיק נאָר אַריס אין אַ הויז, —
ווי שאַמפּאַניער טוט מיין האַרץ דעמלט אויפברויזן! —
סאָ זעט למען השם ביי מיין אָנקומען,
זאָלן מיניסטאָרן טראָגן גאַנצע הויזן.



וואָרים איצט האָב איך געשיקט מיין שניידער,
מאָרשאַלן אַ נייעם קאָסטיום אויפנייען — —
איר זאָלט אים אָנקוקן אין אַ הולך,
כאָטש מיין לעצט פּאָר הויזן אים אָוועקצולייען.

דאָס האָט ער פון זיינע וואָזשנע פּלענער!
און וואָס, מישטיינסגעזאָגט, געוואָרן פון מיינע?
מ'לאָזט איינעם שטיין, — איר זאָלט מיר מוחל זיין, —
אָן הויזן, און מ'האָט נאָך צו יענעם אַ טענה — — —

האַלאָ, שלום, און עיקר שכחתי;
„פּיקטשעס“ וועלן מיר נעמען ביי מיין אָנקומען!
און אַזוי צוזאַם מיט מיר וועט איי'ר בילד,
אין „טיימס“ צומאָל, שוין ווערן אריינגענומען.

2. ווי אַזוי סטענלי עטאַבלירט זיך אין זיין נייעם פּלעט

ווער מיר וואָולקאָן, וואָס מיר סטענלי,
דאָס איז אין פאַרקליין גלות גוט געווען,
איצט איז ער שלומיאל בן פדצהור,
פון זילבערנעם בלעכל ס'איז אַראָצולעזן.

אַזוי מיטן טראָפּ און מיטן ניגון,
אינם שדרות ראָטשילד דאָרטן פאָרן חצר;
ס'עלפּנביין־קנעפּל נאָר אַ דריק צו טון,
און פאָר אייך שייט — נישט שלימואל בן פדהצור,

זיין יידינע אין גלאַנציקן ליוורע,
אַלע „מייפער“ מיט שטייפע קניקס פאַרבויגן;
ביז וואָס ביז ווען — אָן אייגענעם לאַקיי,
וועט זיך זיין פלונתטע צו דעם פיין אויסטויגן.

מיינע הערשאַפטן, אַ גוטער לאַקיי
איז פון די וויכטיקסטע אָנגעלעגנהייטן!
ס'איז ווי די ליבע אויפן ערשטן בליק,
ווי די קליידער וואָס מאַכן מענטשן פאַר לייטן.

נישט קיין אָנגעלאָפענער, קיין פּליט,
זיי פאַרשטופּט מען שוין ערגעץ אין די געצעלטן.....
דאָ וואוינט שלימיאל בן פדהצור,
צווישן די הויכע פענסטער, ווי ס'געפעלטן.

װער איז ער דען, אַ שוואַרצער אַרבעטער,
צי אַ חלוץ חלילה די ערד ר'זאָל גראָבן?
אָן אַ שוואַרצער בערזע און אָן „לאָקשן",
אַ שײן פּנים װעט אונזער מדינה האָבן.

אָן „לאָקשן" — װיאַזױ לאָקשן מיט יױך?
אָן שוואַרצע בערזע װיאַזױ מנחם מענדל?
ער איז נישט געקומען קײן ישׂראל,
װי די פּושעים, אױסצוטוישן דאָ זײן רענדל....

דאָס רענדל זײנס װעט זיך שױן דאָ קײקלען!
און װי אַ שני־באַלעם אַ צעװאַקס זיך געבן!
זעט נאָר די מזוזות אױף די טירן —
דעװיזן בלײבן: לעבן לאָזן און לעבן!

און אױב די געבאָטן װערן בטל,
פּורים אָבער מיט שלח־מנות װעט בלײבן!
זיצט ער זיך אין זײן שׂדרות ראָטשילד־פּלעט:
אַ פערד פּאַראַ רעפּאָרטער! ר'זאָל עס באַשרײבן —

„את כבוד עשרו ורוב גדולתו":
בלױז דעם מײפּעער־קניקס, דעם פּאַרנעמען שטײפן,
און די גילדענע קנעפּ פונם ליװרע —
פון די לאָקײ־הױזן דעם זײדענעם שטרײפן!

אין די „פּיפּל" און אינם „קראָניקל",
גלות־לאַנגע קאָלומס װאָלט זיך געצױגן:
ראַנקע * אַ שטײפן האָליװאָוד־פילם געדרײט,
פון אירע פּאַרנעמע קניקסן און פאַרבױגן.

און ערשט װען זײן עד־דלא־ידע־פּאַרטי,
מיט געפילטן קרעפּל די גאָס דאָ װעט פאַרשמעקן,
װעלן זיך מיניסטאָרן אַ שאָט טון,
גאַנץ פּאַרקלײן דעמאָלט װעט זיך מעגן פאַרשטעקן —

עפּעס אַ קלײניקײט, ייִדישע מיניסטער קעפּ!
מיט אָזעלכענע װעט זיך ערשט אױפטון קענען:
פּאַטראָליום־מגרש'לעך, אױף טראַנס־אַקציעס,
אַ צעפּלאַקערטער שוואַרץ־מאַרק, אַ װעלט צו ברענען.

* דער פילם־מאַגנאַט, װאָס האָט פּראָדוצירט „אָליװער טװיסט".



אָבער אָן אַ בעלטשערל, זאָל לעבן,
כאָטש װער אַ חלוץ די ערד מיט נאָז צו גראָבן
נישט בחנם דער „עד דלא ידע — —":
אָז חרבונה, מוז מען אױך אַ המן האָבן....

אַך, יענע בעװין־צײטן אין פּאַרקלײן,
מײנע פלעגט די גרױסע המן־טאַשן דערלאַנגען;
די פּראָפּנס פון די שאַמפּאַניער־פלאַשן,
זײנען אין אַ קאַנאַנאַדע־פּאַרמעסט געגאַנגען.

עס פינקלען די װײנען אין די גלעזער,
צװישן די ציין — די קײענדיקע ציגאַרן,
און די גאָלדענע יױך נישט מיט לאָקשן —
אַ פאַרבראָקטע מיט געבײטלטע דאָלאַרן....

און בײם „באַר" איז געשטאַנען דער מיקסער,
פאַר בעלטשערן יענעם פײנעם קאָקטײל צו מיקסן — — —
איצט שטײט זי אין טיר הינטן, אין ליװרע,
אַ פּורים־שפּילער מיט שטײפע „מײפּער"־קניקסן.

שטײ הײנט, שטײ מאָרגן, — אַ גאָטס רחמנות! —
די אױגן קריכן אַרױס װי אױף משיחן,
װאָרים די חרבונה'ס זײ גײען נישט — —
דורך די הינטער־טירן קומען זײ צוקריכן.

## יחזקאל נח ערליכמאַן

# רב כּדת און רב מטעם

(לכבוד פּורים — „ונהפוך הוא")

אין די 80־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, װען די רוסישע רעגירונג האָט געשאָטן מיט גזירות אױף ייִדן מיט דער כּװנה זײ צו אונטערדריקן עקאָנאָמיש און גײסטיק, איז געװען אײן גזירה, אַז אַ רב טאָר נישט אָננעמען אַ שטעלע אין אַ שטאָדט ביז ער האָט פריער אױסגעהאַלטן אײן עקזאַמען אין די רוסישע שפּראַך.

דורך דעם איז ענטשטאַנען אַ גרױסע צערודערונג אין די ייִדישע קהלות, דען פאַר אַ רב װאָס שטודירט די הוראה װעלכעס איז פאַרבונדן מיט דעם טיפן לערנען גמרא און פּוסקים, איז זײער שװער געװען זיך צו קאָנצענטרירן און צו ערלערנען די רוסישע שפּראַך מיט די גראַמאַטיק.

און עס האָט זיך דעריבער דאַמאָלט ענטװיקלט אין די ייִדישע שטעדט

די „טאָפּלטע רבנות" ווי די שטאָדט האָט אויף גענומען אַ רב, אַ מוסמך, און בעל הוראה, כדת משה וישראל. אָבער אַזוי ווי דער רב איז נישט געווען אָנערקענט ביי די רעגירונג, האָט די קהלה געמוזט נעמען נאָך איינעם, וואָס כאָטש ער איז נישט געווען צו פיל בעקאַנט מיט די קליינע אותיות, האָט ער אָבער גוט געקאַנט די רוסישע שפּראַך. און ער האָט אָנגעפירט מיט די אָפּיציעלע ענינים פון די קהלה מען האָט אַזאַ איינעם גערופן „רב מטעם" אָדער „קאַזיאָנער ראַבינער".

צווישן די צוויי רבנים האָט געוויינלעך געהערשט אַ שטילע באַהאַלטענע שנאה, דען יעדער איינער האָט געדענקט אַז ווען נישט יענער רב, וואָלט זיין לאַגע געווען בעסער. און אין אמתן, איז זייביידע נישט געווען צו פיל מקנא צו זיין.

אין די זעלבער צייט האָט זיך אין רוסלאַנד שטאַרק אַנטוויקלט די אייזנבאַנען. עס איז דאַמאָלס פאַרטיק געוואָרן די וואַרשע־פּעטערבורגער באַן, און מ׳האָט שוין געבויט די וואַרשע־ווינער באַן, און אויך אַ פּאָר קלענערע ליניעס.

מאַכט זיך אַמאָל אין אַ שטאָדט ווי ביידע רבנים זענען געווען איינגעלאַדן צום קהלה־פּרעזידענט פאַר סעודות פּורים, זיי זענען געזעסן צוזאַמען, און גאַנץ געמיטלעך געשמועסט פון פאַרשידענע ענינים. זיי האָבן אויך גערעדט וועגן דעם רבנות פּראָבלעם וואָס איז היינט שטאַרק געפאַלן אין חשיבות, אַז אַ רב דאַרף נאָך צו צוצאָלן צו דער קהלה הונדערט רובל, אַז ער זאָל ווערן אויפגענומען אַלס אַ רב. זיי האָבן אויך גערעדט פון די וואונדער און באַקוועמלעכקייט וואָס די אייזנבאַן האָט אויפגעטון, אַז אַ רייזע קיין וואַרשע וואָס פלעגט נעמען 8 טעג, דויערט היינט נישט מער ווי איין טאָג.

אין צווישן האָט זיך דער „רב מטעם" („קאַזאָנער ראַבינער) אַביסל פאַרטראַכט און ווענדעט זיך צום „רב כדת" מיט די ווערטער, אין די היינטיקע צייטן האָט מען בעדאַרפט צו מאַכן אַ גאַנץ יאָר פּורים, דען פילע זאַכן קומען היינט פאָר אין לעבן וואָס דאַרפן צו זיין פונקט פאַרקערט, ווי זיי זענען. עס איז אַ רעכטער „ונהפוך הוא".

רב כדת: איך פאַרשטיי נישט וואָס איר מיינט דערמיט.

רב מטעם: אָט, וועל איך אייך באַלד ערקלערן. לויט דעם שכל הישר, האָט בעדאַרפט צו זיין אַז רבנים וואָס מוזן אַדורכגיין אַ שווערן עקזאַמען, און דער צו מיט גרויסע קאָסטן. האָבן זיי באַדאַרפט צו זיין גאַנץ טייער, און דאַגעגן ווידער אַז די אייזנבאַן האָט זיך אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט אַז איין באַן קאָן טוען די אַרבעט פון טויזנט פערד. האָבן דאָך פערד באַדאַרפט צו זיין שפּאָט ביליק.

און צום סוף לאָזט זיך אויס גאַר פאַרקערט. פערד זענען געוואָרן זער טייער, און רבנים זענען געוואָרן זער ביליק?

רב כדת: עס איז נישטאָ וואָס זיך וואונדערן. דער תירוץ איז דאָך גאַנץ פּשוט, ווייל אין דער לעצטער צייט זענען אַ סך פערד געוואָרן רבנים...



# זכריה הערשמאַן (בני־ברק א״י)

## א. לעיעלעס דער דיכטער און דראַמאַטורג

(צו זיין 60־טן יובילײ)

גאָר וויניג דיכטער ביי אונז האָבן אַנגעגאָסן דעם אינהאַלט און די פאָרם מיט נייעם מעטאַל אַזוי ווי א. לעיעלס, וואָס זיין אויפטו „אינזיכיזם" איז אַ שיינער קאַפּיטל אין דעם נייעם רענעסאַנס פון דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע.

שוין דער אָנהויב פון זיין דיכטערישן שאַפן איז געווען וואונדערלעךשיין, גרויס און שיין ווי מעשה־בראשית — פון כאַאָס געשאַפן יצירות פּולפאַרביקע, וואָס האָבן פאַרמאָגט מחשבה בליציגקייט און נשמהדיקע האַרציקייט אינאיינעם.

לעיעלס איז דערשינען ווי אַ צייטיקע פּרי, ער איז געווען אַ פּועל־יוצא פון זיין צייט. ס׳איז דעמאָלט געווען אַן אויפשוואונג אין אונזער יונגער דיכטונג, די גרופּע, וואָס האָט דאַן געטראָגן די נייע קערנער פון דער פּאָעזיע איז באַשטאַנען פון אשר שוואַרצמאַן, דוד האָפּשטיין, לייב קוויטקאָ, פּרץ מאַרקיש אוןביינוש שטיימאַן.

צו דער זעלביקער צייט דערשיינען אין פּוילן אויך פּרץ מאַרקיש, אורי צבי גרינבערג און אהרן צייטלין און אנד. און אין אַמעריקע באַווייזן זיך אַזעלכע דיכטער ווי משה לייב האַלפּערין, נפתלי גראָס, זישע לאַנדוי, יעקב גלאַטשטיין און אנד.

ווי פאַרשידן די דאָזיקע דיכטער זיינען איינער פון אַנדערן, האָבן זיי אָבער איין שטריך געמיינשאַפטלעך: זייערע לידער זיינען ווידויים און השתפכות־הנפש פון ליריקער, אין דעם זינען זיינען זיי ווי רינגען ענג צונויפגעשמידט צווישן זיך, כאָטש יעדערער פון זיי האָט זיך זיין אייגענע וועלט און זיין אייגן לעבן.

לעיעלעס אָבער האָט שוין פון אָנהויב פון זיין דיכטערישן שאַפן געהאַט עפּיס אַן אָנזאָג פון אַ נייעם אייגענעם נוסח, עפּיס אַן אייגנאַרטיקער ניגון האָט זיך געהערט שוין אין זיין ערשטן לידער בוך „לאַבירינט".

דערהויפּט אָבער האָט ער זיך געוויזן מיט זיין גאַנצער גרויס בעת ער איז דערשינען אין יאָר 1919 מיט זיין נייער ריכטונג „אינזיך". לעיעלס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם ליטעראַרישן אָרגאַן „אין זיך" צוזאַמען מיט יעקב גלאַטשטיין און נחום מינקאָוו. אין דעם אַריינפיר־אַרטיקל „אינטראָספּעקטיוויזם" ווערן פאָרמולירט די צילן פון דער נייער ריכטונג געבן אין פּאָעזיע עקספּרעסיע די וועלט ווי זי דערשיינט דורך די פּריזמע פון דעם דיכטערס אייגענער נשמה. דאָס ליד פון דיכטער נישט בלויז אַלס אויסדרוק פון אַ שטימונג.

לעיעלעס האָט זיך אויך קונה שם געווען ביי אונז מיט זיין דראַמע „שלמה מולכו", וואו ער האָט אַרויסגעבראַכט די עקזאָטישע געשטאַלט פון דאָזיקן

משיח־טום. אויך דאָ איז ער דער אייביק־זוכענדיקער און אינטריגענדיקער פּאָעט וואָס גיט שוואונג די געשטאַלטן פון אונזער ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

צו אַלעם ערשט—טראַדיציע. אַזוי ווי לייוויק אין „גולם״. אַזוי אויך לעיע־לעס אין זיין דראַמע־פּאָעמע „שלמה מולכו״. זוכט אונז צו געבן דעם רויטן זון־אויפבראַך איבער דעם תהום פון יידישן געטאָ. דעם געראַנגעל פון העלישע אינקוויזיציע־פייערן מיט די לויטערע משיח־פלאַמען.

די פּאָעטישע דראַמע „שלמה מולכו״ איז פלאַמענדיק געפורעמט אין אירע בילדער־רינגען און איר געפינט דאָ די פערזוואַנדלונג פון דיאָגאָ פּירעס און שלמה מולכו.

ד״ר שמעון בערנשטיין אין זיין ווערק „שומרי החומות״. א.א. קאַבאַק אין זיין היסטאָרישן ראָמאַן „שלמה מולכו״ אַזוי ווי מאַקס בראָד אין זיין בוך „דוד הראובני״ האָבן אַלע אונז געוויזן ווי אַזוי דער מאַראַן דיאָגאָ פּירעס, אַ געבוירטיקער קריסט עקרט זיך אום צו יידישקייט. ער פאַרלאָזט די אָפענע שיינע וועלט און גייט לערנען קבלה אין די ענגע ד׳ אמות פון יידישן בית־המדרש.

לעיעלעס זוכט אָבער אונז צו באַקענען מיט זיין אינערליכן נשמה־לעבן. ביי אים איז דער וועג פון דיאָגאָ פּירעס געגנג לאַנג אפשר אַזוי לאַנג ווי עס איז דער וועג פון שלמה מולכו צום שייטערהויפן פון דער אינקוויזיציע אין דער דראַמע דערשיינט אונז פאַר די אויגן דער פייער־פלאַם פון זיין נשמה, וואָס דערטאַפּט דעם סוד פון יידישקייט. שלמה מולכו איז דער טרעגער פונם שופר פון דער גאולה.

עס לויפן אויך פאַר אונז אַ דורך די געשטאַלטן פון דוד הראובני און שלמה מולכו ווי גלגולים פון משיח בן יוסף און משיח בן דוד.

ראובני דערשיינט פאַר אונז ווי מער פּראַקטיש בעת שלמה מולכו. דער בעל־חלומות איז מער דורכגעדרונגען מיטן חלום און דער וויזיע פון מלכות־ישראל. ער קומט מיטן דאָזיקן חלום פון דער גאולה פאַר דער גאַנצער וועלט.

אַ. לעיעלעס איז דורך זיין פּאָעטישע דראַמע אַנטפּלעקט געוואָרן ווי אַן אָריגינעלער דיכטער מיט אַ חוש פאַר יידישער געשיכטע און מיר דאַרפן נאָך פון אים דערוואַרטן נייע שאַפונגען אויף אָט דעם געביט.

„מיין טאַטע דער סופר״

און אַנדערע פּאָעמעס

אַ ניי בוך פון יוסף הלל לעווי,

פּרייז 21 שילינג

צו באַקומען אויף דעם אַדרעס:

M. LEW, 3, Hodford Road, N.W.11.





דער באַקאַנטער לאָנדאָנער שרייבער בן־א סאָבאָטשעווסקי
פייערט דעם 16־טן מערץ זיין 60־טן געבוירן־טאָג

געצייכנט פון זיין זון דעם באַקאַנטן מאָלער מאָריס סאָבאָטשעווסקי

י. ש. טויבש

# „מיין טאַטע דער סופר און אַנדערע פּאָעמעס"

פון יוסף הלל לעווי, לאָנדאָן 1949

איין זאַך איז זיכער: יוסף הלל לעווי איז אַן אמת'ער דיכטער. דאָס הייסט, ער פאַרמאָגט אַלע די מדות, וואָס כאַראַקטעריזירן אַן אמת'ן דיכטער. ער פאַרמאָגט געפיל, ער פאַרמאָגט פאַטאַזיע, ער האָט אַ חוש פאַר ריטם און גראַם און בכלל פאַר דער מוזיק פונם וואָרט, וואָס ווערט אַזוי שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט פון אַ טייל יידישע פּאָעטן. אַחוץ דעם האָט ער נאָך אַ באַזונדערע זכיה. זיין אָפּשטאַם און זיין לעבן האָבן אים באַשערט אַ טעמע, וואָס איז דווקא איינע פון די הויפּט טעמעס פונם היינטיקן יידישן לעבן: די פראַגע פון גלויבן און די פראַגע פון דער באַציאונג פון דעם היינטיקן דור צו דעם פריערדיקן אין שייכות מיט גלויבן.

אָט די פראַגן באַשעפטיקן אונז אַלעמען נישט נאָר אויף אַ ריין טעאָרעטישן אופן, נאָר טאַקע ווי פּראַקטישע פראַגן, ווי אַ פּראַקטישער ענין פון אונזער לעבן, צי אַפילו פון לעבן און טויט.

מיט אַזעלכע מדות און מיט דעם דאָזיקן מאַטעריאַל וואָלט אַ דיכטער, ווי י. ה. לעווי, זיכער געדאַרפט ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק, בפרט נאָך, אויב ער איז מקיים, ווי מיר מיינען, איינעם פון די הויפּט־געבאָטן פאַר אַ יידישן שרייבער, וואָס איז: צו שרייבן אויף אַ פאָלקסטימלעכן און פאַרשטענדלעכן אופן.

אָט דאָס איז אָבער, ביז היינט, נישט געווען דער פאַל און הגם די סבה דערפון איז נישט לייכט צו באַצייכענען, איז דאָס אָבער בכל אופן אַ רמז אויף אַ געוויסן הפקר'דיקן צושטאַנד אין אונזער ליטעראַטור־קריטיק.

איך מיין דערמיט נישט צו זאָגן, אַז די דיכטונג פון י. ה. לעווי איז דערהויבן איבער יעדער קריטיק. איך וויל נישט באַהויפּטן, אַז מען קען נישט אַרויסגעפינען חסרונות אין זיין שאַפונג, סיי בנוגע דער ריינקייט פונם דיכטערשן וואָרט, סיי בנוגע דער קלאָרקייט פונם דיכטערשן געדאַנק. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט אין דעם פּרט אַליין עפּעס צו זאָגן און וועט עס, אין זיין צייט, אויך זאָגן.

אָבער אויב מען באַטראַכט, וועגן וואָס פאַראַ מיני ווערק אונזערע עטאַבלירטע קריטיקער שרייבן אַן לאַנגע שפּאַלטן „אָפּהאַנדלונגען", מוז מען זיך חידוש'ן, פאַרוואָס זיי איגנאָרירן שאַפונגען, וואָס, לכל־הפחות, האָבן זיי אַן ערלעכע יידישע צורה און אַן אויסגערעדטן יידישן, אַ יידישלעכן כאַראַקטער.

י. ה. לעווי'ס דיכטונגען זענען אָבער אין תוך און אין זייער טיפסטן עצם יידישע און ניט נאָר — שפּראַכלעך־יידישע. היינט באַשטייט אין אונזער ליטעראַטור אַ טענדענץ, זיך צו דערמאָנען אין דער חרוב געוואָרענער, אַלטער, יידישער היים און — אויפצושטעלן מצבות. אויך אונזער דיכטער גייט נאָך



דער דאָזיקער שיטה. אָבער י. ה. לעווי, וועלכער האָט געשאַפן זיינע ערשטע סופר־לידער נאָך מיט אייניקע צענדליקער יאָרן צוריק, טוט אויף אַ חוץ דעם נאָך עפּעס אַנדערש, עפּעס פּאָזיטיווס.

מחמת ער שטעלט נישט נאָר אויף מצבות נאָך אַ פאַרגאַנגענער, פאַרפאַלענער וועלט, וואָס האָט נישט איבערגעלאָזט קיין שום שפּורן אונטער זיך. י. ה. לעווי קעמפט און ראַנגלט זיך, צו ראַטעווען עפּעס פון יענער ירושה. ער ווייסט, אַז יענע ירושה איז הייליק און טייער און טראָגט אין זיך ווערטן פאַר שפּעטער. ריין עסטעטישע און פּאָעטיש־סענטימענטאַלע ווירדיקונגען פונעם יידישן שטעטל, פון יידישע טאַטע־מאַמע, פון יידישע מנהגים וכדומה האָבן מיר שוין געהאַט אין דער יידישער דיכטונג; דאָ אָבער טרעט לעבעדיק אַרויס דער וואונש און די בענקשאַפט אויפצוהאַלטן און אַריבערצונעמען צו אונז כאָטש אַביסל פון יענע יידישע ווערטן.

דאָ ווערט געגעבן אַן אָפּשאַצונג, ווערט אַרויסגעזאָגט אַן אורטייל. און הגם די אָפּשאַצונג איז לגבי דעם היינטיקן דור גיכער אַ מער נעגאַטיווע, ליגט אָבער אין דעם אַליין אַ פּאָזיטיווער באַטייט. מיר ווערן לכל־הפחות געוואָר, וואו מיר האַלטן. און אויב דער דיכטער איז מודה, אַז

„די עומדים פון דיין סופר
זענען טיפער פון מיין שיר",

לאָזט ער אונז דערמיט עפּעס הערן און — ווער עס וויל, קען זיך אָפּלערנען אַ ראיה דערפון.

אַז דער מאָדערנער דור האָט זיך אָוועקגעקערט פון אַ טייערן אוצר, אַז ער האָט זיך אָפּגעווענדט פון זיין אמת'ער בחירה, וואָס מוז אַמאָל מקוים ווערן און צו וועלכער מען וועט זיך מוזן אומקערן צוריק, פריער אָדער שפּעטער, דאָס זאָגט דער דיכטער אַרויס אין די דאָזיקע שענע און סימבאָליש־פיינע שורות:

„דער תיקון ליגט אָפן, אַ געלע יריעה,
אַ נאָך ניט פאַרענדיקטע שורה אין מיט —
און ווער וועט צו ענדיקן האָבן די זכיה,
וואָס ס'האָט ניט פאַרענדיקט דער הייליקער ייד?"

דערביי וואָלט געווען פאַלש צו מיינען, אַז צוליב די דאָזיקע אידייען איז לעווי'ס דיכטונג דאָס, וואָס מען האָט אַמאָל אָנגערופן מיטן נאָמען טענדענץ־פּאָעזיע. בכל אופן איז דאָס ביי אים נישט באַוואוסטזיניק. עס בלייבט אָבער אמת און איז אַ סימן פון דער יידישקייט פון זיין דיכטונג, אַז דער רושם פון די לידער פון י. ה. לעווי איז נישט נאָר אַ ריין עסטעטיש־פּאָעטישער, נאָר אין צייט אַ עטישער, אַ מאָראַלישער, אַזוי ווי עס געהערט זיך פאַר אַ יידישן פּאָעט, אַזוי ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ גלויביקן דיכטער, וואָס אין אַ שענערער פּעריאָדע פון אונזער פאָלק און פון אונזער דיכטונג, האָט ער געהאַט דעם ערן־טיטל „דרשן עפּיטן"...

דער אומשטאַנד, וואָס דער גרעסערער חלק פון י. ה. לעווי'ס דיכטונג שפּילט זיך אָפּ אין אַ היימישער סביבה, אין דעם מיליע פון אַן אַלט־יידישער

שטוב, פירט דערצו, אַז זיין לשון איז שטאַרק דורכגעמישט מיט לשון־קודשדיקע ווערטער. דערמיט געהערט לעווי צו יענע ווייניקע יידישע דיכטערס, וואָס האָבן מקדים געווען די היינטיקע שטרעמונג אין אונזער ליטעראַטור, צו באַנוצן וואָס מער ווערטער פון דעם לשון־קודשדיקן מקור, וואָס מיט אייניקע יאָר צוריק האָט מען דאָס נאָך אָנגעזען פאַר אַ חסרון. אפשר כאַפּט לעווי אַפילו איבער די מאָס דערביי. אפשר טונקט ער איין אונזער פשוט, וואָכעדיק יידיש צו טיף און צו אָפט אין דער קדושה פון לשון־קודש. אָבער ס'איז זיכער אַ סימן פון פּאָעטישן כוח און פון דיכטערשן קוראַזש צו קענען שרייבן גראַמען און שורות, ווי די דאָזיקע:

„און ער האָט, נשתומם, געענטפערט; ואתם
הדבקים — און האָט ווי אַ קינד זיך צעוויינט;
עס האָט אים דער בורא געוויזן די בתים,
די פרשות מיט בלוטיקע תגין באַקריינט...“

אָט די נאַטירלעכע און כמעט ווי זעלבסטפאַרשטענדלעכע אַריינפירונג פון נישט סתם לשון־קודשדיקע ווערטער, נאָר פון גאַנצע פראַזען, פון פסוקים, פון גלייכווערטלעך, פון שטיקלעך תפלה וכדומה אין דער יידישער דיכטונג, אָט די אָרגאַנישע פאַרמישונג פון רעליגיעזע באַגריפן און פון אַ רעליגיעזער אַטמאָספערע, פון אונזער אַלטער, אונזער אייביקער ירושה מיט דער היינטיקער וועלט און מיט היינטיקע באַגריפן, אָט דאָס איז סיי אַן אינטענסיוו־יידישער צוג, סיי אַ באַזונדערער אויפטו, מחמת דערמיט ווערן צוגעפירט דעם יידישן ליד נייע און גאָר נייטיקע כוחות. דערמיט איז מען ממש מחיה די נשמה פונם יידישן ליד, איר אייראָפּעאיש־אַסימילירטע, אויסגעדאַרטע און אויסגעדייוועטע נשמה... און אויב מען וועט נאָך אַמאָל קענען ריידן וועגן אַ רענעסאַנס פון יידישער דיכטונג און פון יידישער ליטעראַטור בכלל, וועט עס געוויס זיין נאָר אין זכות פון אַזאַ מין אויפלעבונג פון יידישקייט און זיכער נישט צוליב די ליטעראַרישע עקספערימענטן, מיט וועלכע מיר האָבן נאָכגעמאַלפּעט יעדער מאָמענטאַלער ליטעראַרישער מאָדע און יעדן נייעם ווינטל אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. י. ה. לעווי שטייט אָבער אויף דער זייט פון יידישקייט.

אמת, פון אַ טעכניש־ליטעראַרישן שטאַנדפונקט וואָלט מען זיך געקענט מתווכח זיין מיטן דיכטער, אָדער בעסער געזאָגט, וואָלט מען זיך באַדאַרפט אָנבייזערן אויף אים, מחמת עס איז בולט, אַז דאָרט, וואו ער גליטשט זיך אויס שפּראַכלעך אָדער דיכטעריש, איז דאָס נישט צוליב אַ מאַנגל אין זיין טאַלאַנט, צוליב אַ חסרון אין זיין שפּראַכלעכן חוש, נאָר צוליב אַ געוויסער נאָכלעסיקייט, אַ געוויסן ליטעראַרישן הפקרות, וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט בפרט ביי יידישע פּאָעטן, הערט ביז אַרויף צו דער סאַמער סמעטענע...

אָט, דאָס הפקרות, וואָס דערלויבט אַז מען זאָל פאַרנאַכלעסיקן ריטם און גראַם, דקדוק און סינטאַקס, אַבי מען ברענגט נאָר אַרויס דעם פּאָעטישן געדאַנק, צי דאָס דיכטערישע געפיל. אָט דאָס מבזה־זיין פון דער שיינער און פּערפעקטער דיכטערשער פאָרם איז אָבער נישט קאָנסעקווענט, איז לחלוטין אומ־



לאָגיש, מחמת אַרויסצוברענגען אַ געדאַנק אין אַ ליד, הייסט דאָך דווקא אים אַרויסצוברענגען אין אַ באַשטימטער אָפּגעמאָסטענער, וואויל־קלינגענדיקער, שיינער פאָרם. אַנדערש וואָלט מען דאָך געקענט ריידן אין פּראָזע; און אַ גרויסע צאָל „פרייע ריטמען“ זענען טאַקע נישט מער, ווי אַנדערש אַראַנזשירטע פּראָזע...

להיפוך דערצו געפינען זיך ביי י. ה. לעווי שורות מער ווי גענוג, וואָס זאָגן עדות אויף זיין דיכטערשן כוח און זיין פּאָעטישער קאָמפּעטענץ. איך קען דאָ וועגן דעם נישט אַריינגיין אין אַ דעטאַלירטן אַנאַליז; איך וויל מיר נאָר דערלויבן אָנצופירן אייניקע שטעלן, וואָס זענען — שוין ריין פאָרמאַל — אמת'ע דיכטונג, סיי צוליב זייער שפּראַכלעכער צייטיקייט, סיי צוליב זייער נשמה'דיקער פולקייט, סיי צוליב זייער פּאָעטישן חן.

אָט, למשל, צוויי שורות פון זיין סאָנעט „די אייביקע סבה“:

„...דער ניגון, וואָס קאָן נים דאָס וואָרט זיינס געפינען,
דאָס וואָרט, וואָס עס קאָן ניט געפינען זיין ניגון...“

וואָס זענען אין זייער אַפאָריסטישער קנאַפּקייט, מייסטערהאַפט. אפשר נאָך שטאַרקער און כמעט קלאַסיש אין זייער אַנטיטעטישער שאַרפקייט ווירקט דאָס דאָזיקע:

„...פלעג איך רעדן, האָט מיין האַרץ געשוויגן,
פלעג איך שווייגן, האָט מיין האַרץ גערעדט...“

עס געפינען זיך ביי לעווי אַ סך פּערזן, פול מיט דעם פייערלעכן אָטעם פון קדושה, ווי למשל:

„זיין קול איז פאַרשוויגן, מען הערט עס נאָר זעלטן,
בעת ער איז מקדש אַ שם“.

הגם אין דער דיכטונג „זיין שמייכל“ האָבן זיך אַריינגעגנב'עט אייניקע דייטשמעריזמען, איז דאָס אָבער אַ באַ'חנ'ט, אַ טיף דורכגעפילט, אַן אַנטציקנדיק ליד, אין וועלכן דער דיכטער וויל פאַרלייענען פאַר זיין פאָטער דעם סופר — אַ „סופר־ליד“. אָט, ווי עס קלינגט אין דער סעסטעט פון דעם דאָזיקן סאָנעט:

„איינמאָל בין איך אין זיין היכל
שטיל אַריין און ס'האָט געקניט
פאַר זיין אומעט מיין נשמה...
טאַטע! כ'דאַרף היינט דיין הסכמה,
כ'לייען דיר פאַר אַ סופר־ליד!
לייען! — האָט געוויינט זיין שמייכל...“

„האָט געוויינט זיין שמייכל“ — דאָס איז פּאָעטישער צמצום, פאַר עקסעלאַנס.

איינס פון די שטאַרקסטע לידער, שטאַרק אין זייער כמעט אַבזוריטעטדיקן רעאַליזם, איז דאָס ליד „פּסול“. דעם דיכטערס מוטער טראַכט וועגן פּרנסה, וואָס דער סופר האָט אָנגעוואוירן „אויף אַ גאַנצער וואָך“, צוליב אַ פּסול געוואָרענער פּרשה. דאָס איז די ברוטאַלע טראַגעדיע פון אָרעמקייט. אָבער ווי

נאָענט, ווי היימיש, כמעט וויל זיך זאָגן, ווי ליב צו אונזער האַרץ איז אָט די יידישע אָרעמקייט:

„און די מאַמע וויינט פאַר ווייטיק,
האַלט זיך ביי דעם האַרץ דערנאָך:
אכזר! זאָג, וואו וועט מען נעמען —
ווי מיר — אויף אַ גאַנצער וואָך?...“

אַ שפּיץ פון דיכטערשער כאַראַקטעריזירונגס־קונסט, איז יענע שטעלע, וואו דער דיכטער צייכנט דעם אַלטן סופר, בעת ער זיצט שפּעט ביינאַכט און פאַרנוצט זיינע צוויי „כלים“, זיינע אויגן און — זיין האַרץ:

„זיין אויג און זיין האַרץ ווערן וואַכער כסדר,
צוויי שכנים, אינאיינעם פאַרבליט...“

דאָס איז גרויסע קונסט, דאָס איז פּאָעטישע קאָנדענסאַציע פון אַ גאָר הויכן שטייגער.

עס מוז נאָך בפירוש ווערן אָנגעוויזן אויף אַזעלכע פּאָעמעס, ווי „איז געקומען ערב שבת“, „שיר השירים“ און אַנדערע אין דער גלייכער פאָרם, וואָס זענען, ווי איך בין מיר משער, אַ באַוואוסטע אָנלענונג צו היינע'ס „פּרינצעסן שבת“. אָבער זיי זענען נישט, חלילה, פון די געוויסע היינע אימיטאַציעס, וואָס האָבן אין זייער צייט געבושעוועט אין דער יידישער פּאָעזיע, נאָר אַ טיפע און גליקלעכע אַריינדרינגונג אין היינע'ס גייסט. אָט אַזוי, טראַכט מען זיך ביי געוויסע פּאָעמעס, וואָלט היינע געווען געשריבן, אויב ער וואָלט געשריבן יידיש. מיר מיינען, אַז דאָס יידישע ליד וואָלט באַרייכערט געוואָרן פון אַזעלכע דיכטער און נויטיקט זיך אַפילו אין זיי. עס נויטיקט זיך אין פּאָעטן, וואָס זאָלן אויף אַן אָריגינאַלן אופן אַריינברענגען דאָס יידישע פאַרמעגן, וואָס היינע האָט איבערגעלאָזט ביי אַנדערע, אין דעם תחום פון אונזער אייגענער ליטעראַטור. זיכער דאַרפן מיר נישט קיין ביליקע היינע־אימיטאַציע. אָבער מיר וואָלטן גוט געקענט פאַרדייען אַ מין המשך פון היינע אויף יידיש. און י. ה. לעווי האָט אַזאַ מין כלי אונטער זיינע איבעריקע פּאָעטישע כשרונות.

אגב־אורחא דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, אַז י. ה. לעווי האָט אַ דורכאויס אייגענעם און כאַראַקטעריסטישן טאָן אין זיין ליריק, אויב אַפילו מען דערקענט אַ חוץ דער השפּעה פון היינע, אויך אַ געוויסן איינפלוס פון מאָריס ראָזענפעלד און אברהם רייזן. פון ראָזענפעלד'ן אין דעם פּאַטאָס און אין דער ריטמיק, ווי למשל, אין דער פּאָעמע „ווי גרויס איז דיין האַרצנס עשירות“ יענע מאָנומענטאַלע שורות:

„איך זע אין דיר פּאָטער, אַ דור, ווי אין דרימל,
אַ רינג אין דער גילדענער יידישער קייט;
אַ, גרויס איז די זון, וואָס גייט אויף אויפן הימל,
נ אָ ך  ג ר ע ס ע ר  די זון אין די בערג, וואָס פאַרגייט...“

אָדער די דאָזיקע שורות, פאַרבונדן מיט לעווי'ס אייגענער נאָטע:

„איך זע דיך און ס'דוכט מיר, דו האָסט קיין התחלה,
קיין סוף, דו פון פאַסטן צעטרוקנטער ייד...“



די השפּעה פון רייזן באַווייזט זיך אין יענע לידער, וואו ער מאָלט דאָס סאָציאַלע עלנט אין דער יידישער שטוב. נאָר ביי י. ה. לעווי איז דאָס קיינמאָל נישט די טעאָרעטישע, אויסגעקוועטשטע, סאָציאַליסטישע טענדענץ־ליריק, נאָר אמת'ע געפילס־ליריק, דערלעבט און דערפילט אין אַ רעאַלער יידישער שטוב. שורות, ווי די פאָלגנדיקע, פון אַ סאָנעט אין דער צווייטער אָפּטיילונג פון דעם רייכן געדיכט־באַנד „מאַמע ליבע“, זענען פול מיט אַ פאַרהאַלטענער, אָבער טיפער ליבשאַפט, אַ הייסער דיכטערשער גלוט, וואָס ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך דער פּרעכטיקער ריטמיק פונעם ליד:

„בעת אין פיבער כ'האָב געברענט,
דעמאָלט, מאַמע, דיינע הענט
וואָלטן מיר געגעבן גערן
פון דעם הימל אַלע שטערן,
ווען זיי וואָלטן נאָר געקענט...“

הגם איך האַלט די גרויסע און מערקווירדיקע פּאָעמע „דער טאַטע שטאַרבט“, נישט פאַר גלייכמעסיק גוט דורכגעפּיילט, בין איך אים אָבער מוחל אַלע חסרונות צוליב דעם אָנהויב: „הנה אוי — לא ינום...“ אָדער אייגנטלעך פאַר דעם „אוי“, נאָך דעם וואָרט הנה, וואָס איז אַ גרויסער דיכטערשער איינפאַל און ברענגט אַרויס, מיט אַן איינציק אויסרוף־וואָרט, מיט איין קליינער אינטער־דיקציע, ווי מיט אַ כשוף, די גאַנצע געוואונטשענע שטימונג.

אָט די ביישפּילן זענען זיכער די והותר, צו אילוסטרירן דעם פּאָעטישן פאַרנעם און די דיכטערשע קראַפט פון יוסף הלל לעווי. הגם מען וואָלט געקענט ברענגען נאָך אַ היבש ביסל אַנדערע אילוסטראַציעס. ביי דער געלעגנהייט טאָר איך מיך אָבער נישט צוריקהאַלטן צו באַמערקן, אַז אָט דער פאַרנעם איז ברייט גענוג, אַז לעווי זאָל נישט דאַרפן נאָכמאַכן די מיאוסע מאָדע פון געוויסע היינטיקע יידישע שרייבערס; ער האָט אַפילו נישט געטאָרט דערמאָנען דאָס וואָרט קריסטנטום אינם ראַם פון אַזאַ פייערדיק יידיש בוך, ווי „מיין טאַטע דער סופר“. אויף דעם אופן און מיט וואָרפן חנ'דלעך אויף דער אַנדערער זייט, מאַכט מען פון דעם יידישן פייער — אַש.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אייגנקייט און פאַר דער דיכטערשער ערלעכקייט פון י. ה. לעווי איז אויך דער אומשטאַנד, וואָס ער באַהאַנדלט אָפט די גלייכע טעמע אויף פאַרשידענע אופנים און ער דרוקט אָפּ די פאַריידענע וואַריאַנטן אין זיין זאַמלונג. אַזוי, למשל, קאָרעספּאָנדירט דאָס ריינע ליד „קושן יעדעס אות“ (זייט 9) מיט דעם ליד „וואָלט איך נאָר באַדאַרפן שווייגן“ (זייט 28), אָדער דאָס ליד „מיט תכלת ארגמן קאָלירן“ (זייט 21) מיטן ליד „עד סוף כל הדורות“ (זייט 49). עס פרעגט זיך, צי האָט ער דאָס געדאַרפט טון, בפרט אַז עס חזר'ן זיך דאָרט איבער ממש גאַנצע סטראָפן. נאָר אפשר האָט ער — מיט רעכט — נישט געוואָלט פאַרציכטן אויף אַ וואַריאַנט, ווי:

„עס האָט זיך דער ייד אין זיין האַרצן צעשפּילט,
דערזען זיך ביים סוף כל הדורות“.



יוסף הלל לעווי געצייכנט פון ריכאַרד אַדלער

יאָ, אין דעם באַנד דיכטונגען „מיין טאַטע דער סופר“ פון יוסף הלל לע־ווי, האָט זיך צעשפּילט דאָס יידישע האַרץ. דער דיכטער האָט זיך געפּרואווט אויסשטרעקן זיין האַנט ביז צו די וויטסטע גרענעצן, ביז צו די סודות און נסתרות פון יידישער אמונה און יידישן דת. צי ער וועט זיי אַמאָל אינגאַנצן דערגיין און דערגרייכן, דאָס וועט זיך נאָך ווייזן. אָבער וואָס ער האָט דער־גרייכט ביז אַצינד איז בלי שום ספק געגנוג, אים צוצוטיילן אַ בכבודיקן פּלאַץ אונטער יענע יידישע פּאָעטן, וואָס ווייערע לידער זענען נישט נאָר אמת׳דיק שיינע, נאָר אויך אמת׳דיק יידישע.



# דער באַוואוסטער ליטעראַטור היסטאָריקער און קריטיקער פּראָפעסאָר א. א. ראָבאַק

איבער דער דראַמע „דער משפט“ פון מאָריס קאַץ

„עס איז אַן אינטערעסאַנטע פּאַרוויקלטע האַנדלונג און איך זע נישט קיין שום מניעה, פאַרוואָס מאָריס שוואַרץ זאָל די דראַמע נישט אויפפירן. נאַטירלעך וויל ער האָבן מוזיק און טענץ. די גייסטער־דערשיינונגען פון די ראָזענס וואָלטן אפשר געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מאַקאַבר־טאַנץ.“



פון די אילוסטראַציעס צום „משפט“ — מ. סאַבאַ.

# אַ פּאָר ווערטער אויף די פרישע קברים
# פון מנחם באָריישאַ און ז. סעגאַלאָוויטש

1

איינע נאָך דער אַנדערער זיינען די וואָך אָנגעקומען די איוב־בשורות: מנחם באָריישאַ פּלוצלונג געשטאָרבן! ז. סעגאַלאָוויטש איז טויט — געטאָפּלט, איינע נאָך דער צווייטער, וועלן־ווייז, ווי אויף שוואַרצע פליגל, פלאַטערן אָן די פינסטערע ידיעות; ווי פּאָר איינציקע וואָכן די בייזע פינסטערע בשורה ערשט, וועגן פרץ הירשביין און ל. שפּיראָ.

נישט נאָר אויף די בלויזן, אויף די געוואַלד־ריסן, וואָס בלייבן אין דער ייִנגער ייִדישער ליטעראַטור, מיטן פּלוצלונג יונגן אַוועקגעריסן ווערן פון אַזעלכע גרויסע מיטשאַפער, אַזעלכע אומדערמידלעכע מיטבויער, האָבן מיר יעצט שוין צו באַקלאָגן — עס איז פיל מער!

יעדער איינער אין זיי אייגנאַרטיקייט און באַדייטנדיקייט, יעדער איינער אין זיין וואָגיקייט און וויכטיקייט אין אונזער ייִנג־מאָדערנעם שאַפן, געהערט צו די זיילן, אויף וואָס אונזער קולטור־בנין האַלט זיך נאָך. און אַז אויף איינמאָל עס באַקומט אַזעלכע שווערע קלעפּ אונזער שוין גענוג שוואַכער און וואַקלדיקער געביי, ציטערן דאָך די הערצער מיט־אויף פּאַר פּחד: האָבן זיך נישט עפּעס בייזע נאַטור־כוחות מיט־פאַרשוואוירן, אונטערצוגראָבן אונזער בנין ביז צום יסוד...

צו דעם בייזן אויסראָטן וואָס איז געקומען איבער אונז, צו דעם פינסטערן אויסכאַפּ אין די מזרח־איראָפּעאישע לענדער פונם רוב מנין און רוב בנין פון אונזערע גייסטיקע שאַפער; צו דעם גייסטיקן צעפאַל וואָס גייט אָן ווי אַ קלעפּיקע מגפה אין די מערב איראָפּעאישע לענדער און אַמעריקאַנישע, פאַלט די טבע אַליין נאָך אויף אונז אָן, ווי אַ בייזע נאַטור־מאַכט, אונז אינגאַנצן צו פאַרטיליקן — — —

די לעצטע איוב־בשורה איז דאָך ממש ווי פון הימל אַראָפּ, ווי מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ.

2

מנחם איז געווען אַ נייער אָנהויב אין אונזער מאָדערנער דיכטונג. שוין דער נאָמען מנחם איז געווען ניי און געוואַגט, אין אונזער ייִדישיסטישן אויפשוואונג.....

אין דער עפּאָכע פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער געפילס־ליריק איז ער געקומען אַ נייער פונם לומדישן בריסק אין דער פרץ־שטאָט וואַרשע און איז געווען פון די ערשטע, פון די יונגע, וואָס האָט געפונען דעם אַבסטראַקטן פערז פּאַר פּראָבלעמאַטישן ליד.

עס איז שוין געווען דעמלט נאָך 1905, דער ייִדישער פּראָלעטאַריער, איז אַרויס פון זיינע פּראָקלעמאַציע־קינדער־שיכעלך, דער ייִדישער אַרבעטס־מענטש האָט שוין „געלערנט" די בייכיקע „קאַפּיטאַל־ביכער; ייִדיש איז שוין



מער נישט געווען קיין טריפה־פּסול פאַרן משכיל, קיין „זשאַרגאָן" פאַרן אינטעליגענט — די ייִדישע פּאָעזיע איז שוין מער נישט געווען, קיין בערזע דעקלאַמאַציע, אַ פלאַקס־ליד צו באַגלייטן די מאָנאָטאָנע ניי־מאַשין, מ׳האָט זי שוין משכיליש־אינטעליגענט דיסקוטירט אין קלוב, רעציטירט אויף דער בינע.

מיטן מנחמס דיכטונג איז די ייִנגע ייִדישע פּאָעזיע געוואָרן שפּייז פאַרן גייסט; נישט נאָר דאָס האַרץ צו דערקוויקן, נאָר אויך צו נערן דעם געדאַנק.

און אַזוי איז מנחם געגאַנגען, געדאַנקלעך־גייעריש זיין וועג, אין הויכע מחשבות אַלץ פאַרטיפטער. זיין פּאָעזיע איז געווען אַ הפטורה־„לייענען", מיטן טראָפּ אויפן וואָרט. אַ יחידיש זיך אויסזינגען הויך בקול רם, אַזוי אַז דער ברייטער עולם, נישט גאַנץ־פאַרשטייענדיק, האָט דאָך באַוואונדערט זיין קול נגינה.

אין זיין דיכטונג האָט מען געפילט, האָט מען אַרויסגעהערט זיין גרייטן זיך, און דאָס איז געווען אַ נייער גאַנג אין אונזער געפילן־צעפלאָסענער ייִנגער **פּאָעזיע** — —

און מנחם באָריישאַ האָט, אָן שום ספק, דערגרייכט אַ הויכע שטופע, און אָן אייגענע, אין דער ייִנגער ייִדישער עפּיק.

3

אויב מיט יעדן זיין בוך, „פוילן", „ווינוול רימער", „דער גייער" האָט מנחם איבעראַשט; ער מנחם באָריישע, דער אינטעלעקט, דער פּען־מענטש, דער אָפּישל פון ייִדישע אינסטיטוציעס האָט געקאָנט זיצן בחדרי חדרים יאָרן לאַנג און אַרויסלאָזן זיינע אויסגעוויגענע וואָגיקע ווערק, — שטאַנדאַרט ספרים אין אונזער נייער ליטעראַטור! — איז ז. סעגאַלאָוויטש אַדורכגעגאַנגען זיין גאַנץ לעבן מיט זיין פליקן סענטימענטאַלן פערז — על רגל אחת יעדע רגע אויסגעטייטש דעם „ואהבת", אַזוי אַז יעדער בן־אדם, ווען אפילו דעם, וואָס דאָס גייסטיקע וואָרט איז אים פרעמד געווען, האָט עס אויפגענומען און פאַרשטאַנען.

ווי האָבן אין די אָפּגעשטאַנענע שטעטלעך די „ווילדע ציִלקע" שוין מיט איבער פיר צענדליק יאָר צוריק, געזונגען מיט געפיל זיין „שוחט׳ס טאָכטער". און ווי לגמרי נישט איבעראַשנדיק, פּראָסט און היימיש, האָט זיין „אסתרקע" ייִדישלעך געוואַנדעלט איבער די בחנטע געסלעך אין קאַזשמיערס. און זיין שטילער איבערגאַנג פון פערז צו פּראָזע און אין בײדע דער באַשיידענער און בחנטער ריטם פונם און צום האַרצן פון פשוטן פאָלקס מענטש.

און איז נישט געווען דאָס זעלבע הענגענדיקע וויגנדיקע בריקל איבער אַ פליסנדיקן שטילן טייך, זיין איבערגאַנג פון פעליעטאָנדל צום ראָמאַן? סעגאַלאָוויטש, דער סענטימענטאַלער אינטעליגענט, מיט זיין תמיד פאַרטראַכט־ציִענדיקן פּייקעלע, מיט זיין אַלע ווייל וועקסלדיקן קראַוואַט, ווי צוגעפּאַסט איז ער דאָס געווען פּאַר דעם ייִדישן מאַסן לייענער, פּאַר זיינע טאָג־טעגלעכע טראַכטענישן און סענטימענטאַלע שטימונגען — אַ סך פּשטות איז געווען אין סעגאַלאָוויטשעס עלעגאַנטקייט און אַ סך ענוות און הכנעה פאַרן פאָלק — אין זיין עכטן טאַלאַנט.

און ער האט זוכה געווען ז. סעגאלאוויטש, וואס אין זיינע לעצטע יארן האט ער מיט זיינע פראסט־פשוטע פערזן מספיד געווען דעם הארעפאשנעם ארבעטער מענטש פון באלוט און זיינע פען־חברים פון טלאמאצקע 13.

4

אין שלום עליכם־קלוב אין בערלין, — איניקע חדשים אידער די נאציס זיינען געקומען צו דער מאכט איז עס געווען, — האט דער באקאנטער מוזיקער ישראל גלאטשטיין מיך צוגערופן און באקענט מיט סעגאלאוויטשן.

מיר זיינען געזעסן א וויל אין דעם טונקלען ווינקל אין געשוויגן. עפעס האבן זיי ביידע געהאט שותפותדיקעס אין זיך — א מין גרויע שלאנקע איינזאמקייט האט געשוועבט איבער זיי... זיי האבן זיך ווי אדורכגעשמועסט ווי אויפן וואונק מיט אזא ליבן שטילן הומאר.

ס'איז געווען בין השמשות. דער טונקלער ווינקל איז פול געווען מיט אזא שטילער מוזיקאלישקייט, זייערע, א שותפותדיקע — —

איך האב נישט געוואלט שטערן די שטילע שטימונג און בין שנעל אראפ אינם רוישיקן קורפירשטנדאם, אינם ליכטיקן טומלדיקן קאפע... אבער תמיד ווען איך טראכט איצט וועגן ישראל גלאטשטיין, מיט וועמען איך האב פארבראכט אין בערלין כמעט נאכט פאר נאכט מער ווי א צענדליק יארן, זע איך אים תמיד אין יענער שטילער בין השמשות'דיקער שעה; זיין שטיל הומאר שמייכעלע, אויף די בולט צונויפגעשרויפטע ליפן. זע איך באלויכטן פון סעגאלאוויטשעס ברענענדיקן פייקעלע — עס האט אזוי קלוג באלויכטן די סענטימענטאלע סמוטנע שטימונג, די מוזיקאלישע שותפותדיקייט, וואס האט יענעם טונקלען ווינקל דעמלט איינזאם ארומגענומען.

עפעס האב איך אין יענער מינוט, — די איינציקע אין וועלכער איך האב געטראפן סעגאלאוויטשן! — פארשטאנען דעם פיינעם יידישלעך מוזיקער ישראל גלאטשטיינען, מער ווי אין די אלע יארן פון אונזער אינטימער באקאנטשאפט.

און אין דער איינזאמקייט און שטימונג־עכטקייט פון יענעם בין־השמשות, אין יענער שטילער מוזיקאלישער אטמאספערע האב איך אויך שפעטער אנגעהויבן צו זען דאס שאפן פון סעגאלאוויטשן און ער איז מיר אסך נענטער געווארן, היימישער אינטימער...

ז. סעגאלאוויטש איז געווען די היימישע גייסטיקייט פון סענטימענטאלן שטעטל, די פשטות פונם לייענער־אינטעליגענט, און די גייסטיקע שטימונג פונם הארעפאשנעם ארבעטס־מענטש. ער האט זיי ביידע באזונגען ביי זייער לעבן און ערלעך מספיד געווען נאך זייער טויט. און מיט זיין טויט איז לעצטע רעשטלעך פון זייער זיין מיט־אויסגעריסן געווארן.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.



## פאר חוה ראזענפארב צו איר באזוך אין לאנדאן

ביז צום גרונד איז אונטערגעהאקט אונזער שטאם. אויף שייטער העלצער איז ער געשפאלטן געווארן און פארברענט. און פון די פלאמען ארויס, די גליענדיקע פליענדיקע גלאזנעס, דושען און טשאדן און ברענען טרערן פון די אויגן ארויס —

ווען איך האב געלייענט דעם „ברענענדיקן וואלד" פון חוה ראזענפארב, פון די יונגע דיכטערין פון דער לאדזשער געטא, די אפגעראטעוועטע פון אוישוויטש־קעמפ, האב איך געטראכט: מסתמא, מוז א יינג־צארט בלוט, א פריש און אויפגייענדיקע יידישע דיכטערין, און איר בליענדיקער יוגנט מוז זי שוין זיין אזוי מענלעך־שטעמיק, אזוי דעמבאויא יוסט.

איך האב מיך דערמאנט אין מרים אולינאווער, אין ראזע יאקאבאוויטש, וואס האבן זייערע פערזן, קונציק געקרייזלטע רייזעלעך, ווי חתן־מאנגראמען אויף אטלאס אויסגעהאפטן, היליקע מגן־דודלעך אויסגענייטע אויף תפילין־זעקלעך — —

איז דער ווידענער דרים פון אונזער יינגער פרויען דיכטונג איבערגעריסן געווארן חלילה? דאס צניעותדיקע שערצעלע־לידל, מיט דער גאלדענער בראש אין ברוסט פארשטאכן, איז עס אויף אייביק פארבלוטיקט? און דאס תהילים־דיק־טוליענדיקע „באבעשי"־ליד מיט דער ברילאנטענער ציטערנאדל אין פרומען הייבעלע, רויכיק אויסגעצאנקט און אויסגעטליעט?

האבן די ראצן פארשלעפט דעם ווידן־קנויל און מיט זייערע גראטשעס אים פארפלאנטערט און די לעצטע אראפגעפאלענע „אייבן" פון אונזער שפינדל אויף אייביק, חלילה, „אויסגעלאשן?

ווען איך האב געלייענט דעם „ברענענדיקן וואלד" פון חוה ראזענפארב, האב איך בעסער פארשטאנען דאס מעגליכע העלדן־ליד פון דבורה הנביאה. איך האב באנומען דאס יידישע מאמע הארץ, וואס קאן זיך נקמהדיק רייצן מיט סיסרא'ס מוטער, ווען יענע יאמערט דורכן פענסטער, אויסקוקנדיק איר זון — —

מרים הנביאה איז מיר געשטאנען פאר די אויגן, — מיט איר שטאלצן צעברומטן „גאה־גאה"־געזאנג, ווען זי פויקט צוזאם די מדבר־קריגער צום ווילדן שווערדן־טאנץ, — ווען איך האב געטראכט פון א דיכטערין, וואס גייט ארויס א זינגעדיקע פון א קרעמאטאריום־קעמפ — —

דאס העפט־רעמל פון אונזער יינגער צארטער פרויען דיכטונג ווערט צוריק יענע הילכיקע פויק, ווי עס קלאפן הערצער אזוי מענלעך צום טאקט; איז עס דען נישט ווי אינם שירה־ געזאנג דעמלט „ותצאן כל הנשים בתופים ובמחולות"! איז דען נישט אונזער פרויען דיכטונג מיטאמאל אזא פארוואנדלטע געווארן, קאדיע מאלאדאווסקי, רחל קארן, מלכה ל. דארא טייטלבוים? און צומאל די ווייבלעכסטע פון אלע — רייזל זשיכלינסקי.

אלע זיינען זיי אנגעגארט אציגד אין די שווערדן. אונזערע דיכטערינען. אונזערע יהודיתן, אלע זיינען זיי גרייט אויפצוגיין אין די פלאמען, אונזערע גלעד־טעכטער — — אבער וואס וועט ווערן מיט אונזער געבאויעטן מאמע־

ליד ? מיט אונזער טוליענדיק צאַרטן פרויען־ליד ?

איז אָבער גענוג געווען אַז כ׳זאָל זי נאָר זען איין אויגנבליק, די יונגע פּאַעטעסע, חוה ראָזענפאַרב, און דערזען כ׳זאָל יענע אויפגעכאַפּטע „אויגן־אויפן שפּינדל — — יאָ, פונם קנוילדיקן וואָלקן־רויך אַרויס, פון די פלאַמען, האָט זי דעם ווידענעם קנויל אַרויסגעכאַפּט! און אַזוי פלאַמיק־איבערלאַפן, טראָגט זי זיי, — שוועבנדיק ווי אין דערלופטן, — אירע בלאַנק־אויפגעהויבענע אויגן־אַפּלען.

איין אויגנבליק האָב איך זי קוים געזען, ביי איר אָנקומען דאָ, און דערזען נישט איבערגעריסן איז אונזער יונגע פרויען דיכטונג, אין הויז פון אונזערע פרויען וועט זי זיין ווי איינע פון זיי, און זי וועט זיין געבענטשט ווי שרה און רבקה און רחל און לאה.

אָ, אַז אַזעלכע ווי איר זענט אונז איבערגעבליבן, אַז אונטער די קופּעס אַש אַזעלכע פונקען זיך אויסבאַהאַלטן, דאָס איז דאָך דער גלויבן אין אונזער קיום, און מיר זענען עס זוכה צו זען מיט אונזערע אויגן איז עס דאָך דער זכות, און דער צייכן, אַז אונזערע הערצער האָבן טוליענדיק מיט געציטערט.

ש.

## ל. האבשטיינס באַגריסונג־רעדע אויפן יובל־באַנקעט פון „לשון און לעבן“

חשובער פאַרזיצער, חברים און פריינט!

די „גאָלדענע קייט“, וואָס מיין ליטעראַרישער רבי י. ל. פּרץ ע״ה האָט אָנגעהויבן שמידן אין וואַרשע, אויף צעגליאַנאַ־גאַס נ.9, אין שכנות מיט מיר (איך האָב געוואוינט צעגליאַנאַ 14), אָט די דאָזיקע „גאָלדענע קייט“ פון יידישן שאַפן ציט זיך איבער אַלע לענדער, וואו יידן לעבן און ליידן און וואו יידן ריידן, קולטיווירן און האָבן ליב יידיש.

די דאָזיקע „גאָלדענע קייט“ ציט זיך אויך איבער לאָנדאָן, איבער וויטשע־פּעל, וואו עטלעכע רינגלעך פון איר — אַ פּאָר פעלזנפעסטע, איינגע׳עקשנטע אידעאַליסטן, דער האַלטן דאָס לעבעדיק יידיש וואָרט אויף די בריטישע אינזלען און קעמפן פאַר זיין קיום ממש מיט „נעגל און ציין“....

די דאָזיקע אמת׳דיקע יידישע יידן — רינגלעך פון קייט — אפשר בין איך אויך אַ קליין רינגעלע — פייערן היינט אַ גרויסן יום־טוב, אַ 10 יאָריקן יובילײ.

10 יאָר „לשון און לעבן“—דאָס מיינט 10 יאָר „האַרד־לייבאָר“, דאָס מיינט 10 יאָר האָקן, כמעט אָן מכשירים, דעם שטיינערנעם באָדן פון יידישן לאָנדאָן, האָקן טאָג און נאַכט און אַרויסבאַקומען שפּריצנדיקע פונקען, טייערע דימענטן וואָס הייסן „יידישע אותיות׳לעך....

און מערקווירדיק, די דאָזיקע „לשון און לעבנדיקע“ יידן, די שטיינ־האַקער אין דער מדבר, האָבן באַוויזן אַ מופת. און פונקט ווי דער כהן־גדול אום יום־כפור, אין בית־המקדש נאָך דער עבודה, — האָבן זיי באַוויזן אַרויס־



צוקומען בשלום פון זייער קאַטאַרושנער אַרבעט, וואָס איז געווען אַ הייליקע שליחות פון אַ כהן גדול, — און האָבן באַשאַפן אַ טריבונע און אַ קאַטעדרע פאַר יידיש אין סאַמע האַרץ פון ווייטשעפּעל. און האַלטן וואַרעם מיט זייער אייגענעם אָטעם און האַלטן לעבעדיק, מיט זייער אמונה און בטחון, דאָס שפּרודלדיק צאַפּלדיק יידיש וואָרט אין זייערע העפטן און שריפטן....

חבר משה עובד האָט מיר אַמאָל דערציילט אַ וויץ: זיין איסט־ענדער שוסטער האָט אים פאַרשנורעוועט אַ נייע פּאָר שיך און געהיימניספול אַריינ־געקוקט אים אין פּנים אַריין. איך ווייס ווער איר זייט — האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אַרויסגעפּראַלט דער שוסטער — איר זענט אַ וואָזש־נער ייד, דער סאַמע מאַכער פון „לשון און לעבן“ און אייער נאָמען איז: משה שטענצל!....

„נאָמינאַ סונט אָדיאָזאַ!“ — זאָגט אַ לאַטייניש שפּריכוואָרט. אין אַ באַ־וועגונג דאַרפן אַמאָל פאַרשוויגן ווערן נעמען און בלייבן אַנאָנים. אָבער היינט, אינם טאָג פון 10־יאָריקן יובל פון „לשון און לעבן“ — דאַרף בפירוש און מיט גרויסע אותיות דערמאָנט ווערן דער נאָמען פונם גענעראַל, דעם באַזיגער פון איסט־ענדער „ג׳ג׳ב“ (גם גדול בווייטשעפּל) — דעם פעלדמאַרשאַל און מאָדערנעם מענדעלע מוכר־ספרים — א. נ. שטענצל!....

עס קומט אָבער אויך אַ האַרציקער יישר־כח און אַ תחזקנה ידיכם צו די אַלע איבריקע טוער און שעפער און מיטאַרבעטער פון דער באַוועגונג „לשון און לעבן“ מיט דעם חבר משה עובד אין דער שפּיץ.

איך באַגריס איך דאָ אַלע זייער האַרציק אין מיין אייגענעם נאָמען און איך בין זיכער, אַז עס באַגריסן איך אַלע יידן און פריינט פון יידישן לשון — פון אונזער מאַמע־לשון, אויף וועלכן מיליאָנען יידן ריידן און שאַפן אויף דער גאָרער וועלט.

## ל. האבשטיין
### „איסט און וועסט“
(אַ לאָנדאָנער באַלאַדע)

געווידמעט די „פריינט פון יידישן לשון“ לכבוד דעם צענטן יאָגאַנג פון „לשון און לעבן“

דער מיסטער רב סענדער,
אַ ייד, אַן איסט־ענדער,
ער לעבט זיך אין לאָנדאָן גאַנץ שיין;
ער לעבט מיט אמונה,
און ציט זיין חיובה
פון „שאָפּקע“ אין סאַמע „בריק־ליין“.

און ס׳האָט מיסטער סענדער
אַ „שטאָט מים אַ סטענדער“

אין שול פון „מחזיקי הדת";
דערפאַר זיין געזינדל, —
זיין טאָכטער און זינדל, —
זיי וויכן די יידישע גאַס......

עס קוויקט זיך דער „פאָטער"
מיט יידיש טעאַטער; —
ער „בוקט" דאָרטן אָפטמאָל אַ „באָקס";
דערפאַר איז זיין „באָיטשיק".
כמעט, שוין אַ גוי'טשיק;
ער קוויקט זיך מיט „רייסעס" פון „דאָגס"....

זיין טעכטערל „סיידי"
איז שטאָלץ, ווי אַ „ליידי":
זי רעדט שוין קיין יידיש נישט מער.
זי טרוימט פון אַ חתן:
אַ ריז, אַ לויתן,
אַ „לאָרד" מוז ער זיין, צי אַ „סער".

ס'איז אויך מיסטער סענדער,
דער ייד דער איסט־ענדער,
אַ כלל־טוער, אַ ציוניסט.
דער טאַטע טרוימט: „ציון"....
די קינדערלעך... פליהען,
זיי פליהען אַוועק פון דעם „איסט"....

זיי וואוינען אין מזרח,
דאָך ציט זיי קיין מערב,
אהין, צו דעם ליכטיקן „וועסט"....
דאָרט בליצט עס, דאָרט שפריצט עס,
דאָרט שאַלט עס, דאָרט שטראַלט עס, —
דאָרט קריגט מען דאָס שענסט און דאָס בעסט.

און ס'וועט נאָך, חלילה,
אַזש קיין ... „פיקאַדילי"
„אַוועקמופן" ס'גאַנצע „בריק־ליין";
און בלויז דער איסט־ענדער,
אין שול ביי זיין סטענדער,
וועט בלייבן רב סענדער....
אַליין....





# אַלטיטשקע מיליאַנסקעס

(אַ פורים עפּיזאָד)

ווען איך בין אַלט געוואָרן דרייצען יאָר, האָב איך ניט געוואָלט גיין הערן לייענען די מגילה, דעם פורים קולעטש מיט דער סעודה, און די המן־טאַשען האָב איך יאָ געגליכן, און די פורים־שפּילער האָט מיך אויך נישט געאַרט, ווייל איך האָב געגלויבט, אַז צוליב דעם וואָס מיר מאַכן אַ פורים־שפּיל פון אַלע אונזערע המנ'ס און צרות, דאָס העלפט אונז אַריבערטראָגן דעם לאַנגען גלות. און איך האָב קיין טעות ניט געהאַט. נור די מגילה האָב איך בשום־אופן ניט געוואָלט גיין הערן לייענענדיג, ווייל איך פלעג זיך פילן שטאַרק באַליידיקט, מ'דאַרף גאָר פאַסטן אַ גאַנצן טאָג און בעטן דעם רבונו של עולם אַז אַ יידישע מיידל זאָל נושא־חן זיין ביי אַן אַלטן שכור. און צוליב דעם זאָל געראַטעוועט ווערן דאָס אויסדערוועלטע פאָלק מכל העמים. און איך פלעג ווערן שטאַרק פאַרצווייפלט. און וויפיל מיין פאָטער ע"ה פלעגט זיך ביי מיר בעטן, און פלעגט זאָגן אַז גאָט וועט מיך שטראָפן דערפאַר ווייל איך וויל נישט גיין הערן די מגילה, האָט עס אָבער ניט געהאָלפן. אָבער זיינע רייד זענען טאַקע מקוים געוואָרן און גאָט האָט מיך געשטראָפט.

טרעפט זיך אַז מיין מוטער ע"ה האָט מיך געשיקט אַוועקטראָגן שלח־מנות, צו איר ברודער, וועלכער האָט געוואוינט אויף יענער זייט שטאָט וועלכער שטייט אויף אַ באַרג. איך האָב זיך דאָרטן פאַרשפּילט מיט מיינע שוועסטער־קינדער ביז שפּעט אין דער נאַכט, און ס'איז מיר אויסגעקומען צו גיין אַהיים, שוין נאָענט 12 אַזייגער.

קיין שרעקעדיקער בין איך קיינמאָל ניט געווען, ווייל כ'בין אויסגעוואַקסן אין אַ קריסטלעכן געגנט נישט ווייט פון בית־עולם. און איך פלעג קאָנען אַליין זיין אין וואַלד ביז שפּעט אין דער נאַכט. וואָס איז געווען נישט ווייט פון אונזער הויז, און וואָס כ'האָב זער געגליכן. און ווייטער שטאַם איך אַן עין־הרע פון אַ זער שטאַרקער פאַמיליע וואָס מ'קען פשוט זאָגן גיבורים. מיין פאָטער ע"ה מיט זיין יונגערן ברודער און מיט מיין עלטערן ברודער האָבן ביי אונז אין שטאָט צעשלאָגן צוויי פּאָגראָמען אַז זיי האָבן שוין פאַרזאָגט אַ דריטן וועלכע עס האָבן נאָך כח געהאַט. אין דער צייט ווען די איבעריקע יידן האָבן זיך באַהאַלטן אויף די בוידעמס און אונטער די בעטן.

און אַזוי גייענדיק אַהיים פון פעטער בין איך דורכגעגאַנגען דעם אַלטן בית־עולם, דעם משוגעים־הויז, דעם שפּיטאָל, דעם הקדש, די קאַלטע־שול, וואָס מ'האָט געזאָגט אַז ביינאַכט דאַוונען דאָרט מתים. וואָס האָבן ווייניק געדאַוונט ווען זיי האָבן געלעבט. כ'נעם אַראָפּגיין די באַרג, אַהיים־צו, ערשט איך זע ביים זייט פון וואַנט אויפן שניי זיצט אַ פרוי איינגעוויקעלט אין אַ גרויסער פאַרטשילע פאַר וועמען איך האָב זיך זער שטאַרק דערשראָקן. ווייל צו

יענער צייט איז ביי אונז אין שטאָט געשטאָרבן אַ פריילעכע ווייבל אויף וועלכער מען האָט אונטערגערעדט, האָט מען געזאָגט אַז די ערד האַלט זי ניט. און ביינאַכט גייט זי אַרום, און אַז זי דערזעט אַ מאַנסביל שלעפּט זי אים אין קבר אַריין. איך בין געבליבן שטיין אין זער אַ פאַרצווייפעלטער לאַגע, און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, ווייל פאַר טויטע האָב איך יאָ מורא געהאַט. זאָל איך גיין צוריק צום פעטער? פון וואַנען איך בין געקומען? וואָס ברויכט געדויערן נאָענט אַ שטונדע גאַנג. און דאָרט וואָלטן זיי שוין לאַנג געשלאָפן. און דאָ איך גיי נאָר אַראָפּ דעם באַרג בין איך שוין אין דערהיים, הכלל איך האָב זיך איינגעשטעלט אויף קידוש-השם. לויפן האָב איך געקענט, און איבערהויפּט נאָך אַראָפּ דעם באַרג. כ׳האָב אָן געהויבן זאָגן הויך שמע ישראל און בין אַראָפּ געלאָפן דעם באַרג שיעור ניט געהרגעט געוואָרן לויפנדיק. ערשט איך הער מ׳רופט מיך ביים נאָמען, וואָס דאָס האָט מיך נאָך מער דערשראָקן. בין קוים דערלאָפן אַהיים, און בין אַריינגעפאַלן אין שטוב, און געבליבן ליגן אין חלשות. און מ׳האָט געמוזט רופן אַ דאָקטאָר. און ס׳האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז מ׳האָט מיך דערמונטערט. ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך געזאָגט, אַז איך האָב געזען אַלטעטשעקע מילאַנסקי׳ס און זי האָט מיך געוואָלט, נעמען מיט זיך אין קבר אַריין. אויפמאָרגן גאַנץ פרי איז מען געווען אויף איר קבר געזאָגט תהלים און מחילה געבעטן.

קומענדיק צוריק פון בית-עולם, טרעפט מיין פאָטער אין שטוב, אַברעמע דעם בלעכערס ווייב, וועלכע איז געקומען בעטן דעם טאָטן ער זאָל איר מוחל זיין פאַרוואָס זי האָט נעכטן ביינאַכט שטאַרק איבערגעשראָקן זיין זון.

אַזוי ווי זי האָט צוגעמאַכט דעם קוימען פון אויוון צו פרי און זי האָט זיך שטאַרק פאַרטשאַדעט דעם קאָפּ און די איינציקע סגולה פאַר דעם איז געווען צו זעצן זיך איר זאָלט מיר מוחל זיין מיטן הוילן... אויפן שניי.

מיין פאָטער האָט איר מוחל געווען און האָט איר געהייסן גיין אַהיים. און מיר האָט ער געזאָגט אַז דאָס האָט מיר גאָט געשטראָפט פאַרוואָס איך גיי ניט הערן לייענען די מגילה, נור איך בין פון דער שרעק געלעגן אַ וואָך גוט קראַנק אין בעט און דעם בלעכערס ווייב האָט מען אַ נאָמען געגעבן „אַלטעטשקע מילאַנסקעס", וואָס שלעפּט מענער אין קבר אריין, אי־־־יי דאַן אָן, גיי איך שוין יעדן יאָר הערן לייענען די מגילה.

---

שוין דערשינען

## „דאס בוך פון לעסטערונגען"

פון לעאָ קעניג

אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן. פרייז 21 שילינג

דאָס בוך קען מען קריגן ביים „נאַראָד פּרעס", און בוך האַנדלונגען.

---



# מעשה „לאַמפּעדוסאַ"

טייערער א. נ. שטענצל!

כ׳וועל אייך דאַנקבאַר זיין אויב איר וועט אָפּדרוקן מיין בריוו אין דעם פעברואַר נומער פון „לשון און לעבן".

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 2־טן בריוו פון דעם ה׳ ש. י. דאַרפזאָן, וואונדערט מיך שטאַרק וואָס איר דערלויבט דאָס אויסנוצן פון אייער זשורנאַל פאַר פאַרלוימדונגען און מיאוסע אָנפאַלן קעגן דעם יידישן שרייבער און פּאָעט פּרץ מאַרקיש. יעדער אָביעקטיווער מענטש וואָס האָט געלייענט די 2 בריוו אין דעם סעפּטעמבער און דעצעמבער „לשון און לעבן" וועט לייכט איינזען די חוצפהדיקייט פון אָט די אָנפאַלן.

אין דעם סעפּטעמבער בריוו פּרובירט דער ה׳ דאַרפזאָן געבן דעם איינדרוק אַז ניט אַנדערש נאָר פּרץ מאַרקיש האָט זיך „מרחם" געווען איבער די „וועלט דערפאַלגרייכע פּיעסע". וואָס האָט זיך דערוואָרבן ערפאָלג אין ארץ־ישראל, לאָנדאָן, בוענאָס־איירעס(!) און אַנדערע לענדער" און האָט „די טעמע פאַרוואַנדלט פאַר זיך", כאָטשבי מיט עטלעכע זאַצן פריער רעדט זיך בלויז, „אַז פּרץ מאַרקיש איז באַגאַנגען אַ פּלאַגיאַט פון נאָמען".

אין דעצעמבער נ. „לשון און לעבן" שרייבט דער ה׳ דאַרפזאָן צו באַווייזן אַז מאַרקיש האָט געענדערט דעם נאָמען פון זיין קאָמעדיע, אַז עפּעס אין די נומערן „איינציקייט" פון די חדשים מערץ און אַפּריל האָט זיך געמאָלדן די ענדערונג פונם נאָמען. אפשר וואָלט דער חשובער דראַמאַטורג ה׳ דאַרפזאָן געקענט זיין אַ ביסל מער פּרעציז און אָנווייזן אַביסעלע גענויער אין וועלכן נומער „איינציקייט" דאָס איז געמאָלדן געוואָרן, אין מערץ־אַפּריל דערשיינען 24 נומערן „איינציקייט".

און אויב אפילו דאָס זאָל זיין אמת פון ווען אָן איז געשאַפן געוואָרן „קאָפּיע־רעכט" אויף נעמען פון פּיעסעס?

די וואָס זיינען באַקאַנט מיטן ביכער פאַרלאַג וועזן, ווייסן פון צענדליקער פאַלן ווי נאָוועליסטן, דראַמאַטורגן און אַנדערע, נוצן די זעלבע נעמען און קיינער זוכט ניט טאָקע אַ ביסעלע „ביליקע פּאָפּולאַראַטעט" צו באַשולדיקן זיי אין „פּלאַגיאַט פון נאָמען".

דער קלאַסישער פאַל איז בערנאַרד שאָו׳ס „ציזאַר און קלעאָפּאַטראַ". אפנים, אַ פּלאַגיאַט פון שעקספּירן! דער ה׳ דאַרפזאָן וועט אודאי זאָגן שעקספּיר איז טויט און איך לעב נאָך. איז אָט אַ צווייטער פאַל אין מאָנאַט דעצעמבער ד. י. זיינען דערשינען דריי ביכער און אַלע מיטן נאָמען „אַראַבעסק", כאָטשבי איינער פון די ביכער איז אָריגינעל דערשינען מיט 2 יאָר צוריק, און קיינער פון די שרייבער האָט זיך ניט צושריבן אין די זשורנאַלן. געוואָלד מ׳האָט מיר צוגעגנב׳ט אַ נאָמען".

אפנים, אַז דער ה׳דאַרפזאָן האָט אָפּגעקויפט די „קאָפּיע־רעכט" אויף דעם „קעניג פון לאַמפּעדוסאַ". צופעליג נוצט ער אויס די געלעגנהייט פאַר אַ ביסל שטעכווערטלעך קעגן „איינציקייט", די ה״ה זוסקין און פישמאַן און פאַרבראַקט

עס מיט „דאָס נייע לעבן" וואָס מ׳כלומרשט „פּרעטענדירט צו זיין דער(!) (ניט „דאָס" ה׳ דאַרפזאָן) אָרגאַן פון צענטראַלן קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן".

אויב איר נוצט שוין יאָ דאָס וואָרט „פּרעטענדירט" דאַרפט איר ניט גיין זוכן עס אַזוי ווייט אַזש אין פּוילן! איר קענט עס געפינען אַ ביסעלע נענטער....

דער פאַקט איז אַ גאַנץ פּשוטער. פּרץ מאַרקיש האָט אָנגעשריבן אַ קאָמעדיע ווי די טעמאַטיק (אַ סאָוויעטישע) די העלדן און האַנדלונג האָבן ניט די מינדסטע שייכות צו דער פּיעסע פון ה׳ דאַרפזאָן. און מאַרקיש האָט פולע רעכט פונקט ווי יעדער אַנדערער שרייבער און דראַמאַטורג צו נוצן וואָסער נאָמען ער וויל, אַן די באַזונדערע דערלויבעניש פון ה׳ דאַרפזאָן.

די וואָס זיינען באַקאַנט מיט די שאַפונגען פון פּרץ מאַרקיש וועלן מן הסתם אָפּשאַצן ווי חוצפהדיק מ׳דאַרף זיין, צו באַשולדיקן מאַרקישן אין פּלאַגיאַטעווען, ניט אַנדערש ווי פון דעם ה׳ דאַרפזאָן׳ס „דראַמאַטורגיע". ס׳האָט אפנים מאַרקישן דעם באַרימטן פּאָעט און דראַמאַטורג אויסגעפעלט מאַטעריאַל און ער האָט זיך אַזש געדאַרפט „מרחם" זיין אויף ה׳ דאַרפזאָן׳ס פּיעסע „מיט טענצע און געזאַנגען".

אויך די וואָס קענען דעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער און וויסן פון זיין קלאַסישן רעפּערטואַר און הויכן ניוואָ פון אונזערע פאָרשטעלונגען וועלן פאַרשטיין אַז דעם ה׳ דאַרפזאָן׳ס פּיעסע אפילו „אַ ביסעלע איבערגעמאַכט" וואָלט דאָרטן קיין פּלאַץ ניט געפונען. די קריטישע פאַקולטעטן פון די מאָסקווער טעאַטער צושויער, זיינען אַ שפּאָר ביסל העכער ווי די צושויער אין לאָנדאָן אָדער בוענאָס־איירעס. צום סוף אַ פּאָר פּערזענליכע ווערטער צום פריינט שטענצלס טענה, פאַרוואָס האָבן זוסקין און פישמאַן ניט געשיקט זייערע דערקלערונגען צו „לשון און לעבן" וועגן די „מעשה לאַמפּעדוסאַ".

שטענצל דאַרף וויסן אַז ספּירט זיך ביי לייטן — אַז אַ רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל דערהאַלט אַ בריוו, ווי אין דעם אויבן דערמאָנטן פאַל מיט אַ חוצפה׳דיקע אַטאַקע קעגן אַן אָנגעזעענעם יידישן שרייבער, דאַרף מען לכל הפחות איבערשיקן דעם בריוו צו דעם אָנגעפאַלענעם אין דעם פאַל צו מאַרקישן, און זיך אָנפרעגן, צו זיינען די באַשולדיקונגען אמת אָדער שקר? און פאַרלאַנגען זיינע קאָמענטאַרן אָדער ענטפער. אין דעם פאַל איז דאָס ניט געטון געוואָרן — די בריוו זיינען פאַרעפנטליכט געוואָרן אַן דעם וויסן פון מאַרקישן אָדער זוסקין. איר קענט דערפאַר קיין טענות ניט האָבן וואָס זיי קוקן אויף אייך מיט אַ ביסעלע חשד, אַז איר זייט אין דעם פאַל ניט קאָרעקט.

צופעליק, האָב איך אייך געגעבן די אויסגאַבע פון „נייע לעבן" וואו די זוסקין ערקלערונג איז געווען געדרוקט כדי דאָס צו דרוקן און אייער זשורנאַל, איר האָט מיר שפּעטער ערקלערט אַז איר האָט די אויסגאַבע פאַרלאָרן.

ניין ח׳ שטענצל ס׳איז ניט בלויז גענוג אָפּצוהיטן דעם כבוד פון אייער זשורנאַל איר מוזט אויך אָפּהיטן דעם כבוד פון אַ קאָלעגע שרייבער קעגן פאַרלוימדונגען און אָנפאַלן, ווייל היינט גיסט מען אויס אַ פּאַמעשאַף ביי אייער שכן אין הויף און מאָרגן — ביי אייך.

**א. וואַטערמאַן**



# קלאַראַ מייזעלס

## די יידישע מאַמע

עס איז אַ באַזונדער פאַרגעניגן צו שרייבן איבער אַ קינסטלער. ניט דוקא ווען מען האָט אים אָט־נאָר־וואָס געזען אויף דער בינע. נאָר להיפוך. נאָך אַ צייט ווען מען דערמאָנט זיך ווי אַזוי דער קינסטלער האָט געשפּילט די אָדער יענע ראָל.

קלאַראַ מייזעלס האָט בלי שום ספק פאַרדינט, אַז בעת זי איז דערוויי־טערט געוואָרן פון טעאַטער ערשטנס דורך אַן אומגליקפאַל וואָס זי האָט גע־בראָכן אַ פוס אויף דער בינע און צווייטענס דורך הינטער קוליסן פּאָליטיק מען זאָל איבער איר שרייבן און טאַקע אויסדרוקן דעם באַדויערן פון יידישן טעאַטער עולם, וואָס עס איז געשען צו דער קינסטלערין.



קלאַראַ מייזעלס אין „קאָונסילער עט לאָו" צוזאַמען מיט אברהם סופר און פּאַטרישי דזשעסל

(מיט פריינטליכער דערלויבעניש פון דער בי.בי.סי.)

ווען מאַריס שוואַרץ האָט זי געזען אין „שרה שאַפּיראָ“ ביי שלום עליכם'ס „שווער צו זיין אַ ייד“, האָט ער געזאָגט, אַז זי דערמאָנט אים אין דער גרסטער יידישער קינסטלערין בינע אַבראַמאָוויטש. מיר האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט די מייזעלס צו זען אין דער „ניאַניאַ“ אין סטרינדבערגס „פאָטער“, אין אַלע מאַמעס אין דעם ליטעראַרישן רעפּערטואַר און טאַקע אין די מאַמעס פון אַ גאַנץ יאָר און זי שפּילט נישט נאָר זי רעט, אָבער אַזוי פּשוט ווי אונדזערע מאַמעס האָבן גערעט מיט אונדז. דאָס איז די יידישע מאַמע וועלכע פאַרדעקט איר כלה־טאָכטער מיטן פאַרטוך....

קלאַראַ מייזעלס האָט פאַרגאַנגענעם חודש געשפּילט אַ יידישע מאַמע אויף דער ענגלישער טעלעוויזיע און הגם זי האָט גערעדט ענגליש, אָבער מיר האָבן געזען און געהערט די אמתע יידישע מאַמע און מיר זאָגן דאָס ניט דערפאַר ווייל די ענגלישע קריטיק האָט געשריבן, אַז מען זאָל זי מער באַשעפטיקן אין ראַדיאָ רעפּערטואַר און זי צו זען איז ווי דורכצוקוקן דורך אַ שליסעל־לאָך, עס איז מער ווי געשפּילט. — מיר זאָגן דאָס דערפאַר ווייל מיר פאַרשטייען ווי אָפּצושאַצן אַ יידישן קינסטלער און מיר האָפן באַלד ווידער צו זען קלאַראַ מייזעלס „אונדזער יידישע מאַמע“ אויף די ברעטער פון אונדזער אַזוי אויך אָרימע בינע.

א. זאַלקיוועך

## משה עובד דער פּרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון“ פאָרט נאָך אַמעריקע

אין דער לעצטער מינוט, פאַר גיין צום דרוק, דערוויסן מיר זיך, אַז משה עובד פאָרט אָפּ אויף איניקע וואָכן נאָך אַמעריקע. אונזער משה עובד וועט אונז דאָ פעלן די קורצע צייט, אָבער אַ נסיעה אין אַזאַ וויכטיקן יידישן ישוב, וואָס קאָן זיין אַ גרויסע דערפרישונג פאַר אַ שרייבער און אַ קינסטלער, וועט אויך ווערן מסתמא אויך אַ דערפרישונג און פאַרשטאַרקונג פאַר אונזער אַרבעט דאָ. — מיר ווינטשן משה עובדן אַ פאַרגעזונט און אַ באַלדיקן זיך צוריק זען.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס

(אין בערנאַד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנאַרד סטריט א.1 — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 5־טן מערץ, — אַ קבלת־פּנים פאַר דער יינגער דיכטערין חוה ראָזענפאַרב. משה עובד וועט געבן אַן אָפּשאַצונג איבער איר שאַפן. עס וועלן זיך נאָך באַטייליקן דאָראַ דימאָנט, אייזיק גאָלדבערג.

שבת, דעם 12־טן — די טראַדיציאָנעלע פּורים פאָרלעזונגען. י. ביעט, נעט רובין, א. ראָכמאַן.

שבת, דעם 19־טן — וועט די אַרבעטער טוערין פון אויסטראַליען גולאַ ווײַנער האַלטן אַ פאָרטראַג איבער דער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טעטיקייט אין אויסטראַליעשן יידישן ישוב.

שבת דעם 26־טן געווידמעט דעם שאַפן פון מנחם באַריישא און ז. סעגאַלאָוויטש



## חבל על דאבדין ולא משתכחין

אונזער טיפן מיטלייד צום פלוצלונגן טויט פון די צוויי באַוואוסטע דיכטער **מנחם באַריישא** און **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיט זייער אוועקגיין האָט די יידישע קולטור־אַרבעט און ליטעראַטור געליטן אַ גרויס פאַרלוסט.

פריינט פון יידיש לשון
לשון און לעבן

אונזער טיפסטן מיטלייד צו אונזער פריינט און קאָלעגע **א. מ. קייזער** און **פרוי** צום טויט פון זייער איינציקן זון **אַלטער**

לשון און לעבן
פריינט פון יידיש לשון

**א. ז. אשכולי ז"ל**, איינער פון די טאַלאַנטפולע יינגע העבראַאישע שרייבער און וויסנשאַפטמענטשן, שטאַמט פון לאָדזש, געשטאָרבן לעצטנס אין ירושלים.
מיט אַן אויסדרוק פון טיפן טרויער טיילן וועגן דעם מיט זיינע יוגנט־חברים

א. נ. שטענצל, ד"ר יעקב י. מייטליס

טיף געטראָפן דורך די ידיעה פון דעם יונג פאַרשניטענעם לעבן פון מיין קאָזין **א. ז. אשכולי ז"ל** (ווײַנטרויב) מיט צער און טרויער.

מאָריס קאַץ

**שוין דערשינען**
**„דער משפּט“ פון מאָריס קאַץ**
**פּרייז 15 שילינג**
צו באַקומען אין בוך האַנדלונגען און ביים מחבר:
M. KATZ, 85a, LORDSHIP PARK, LONDON, N.16

צבי אָרענשטיין'ס נייער אַדרעס איז:
ZEVI ORNSTEIN,
106, Eton Rise, Eton College Road, Hampstead, Primrose: 1175.

110

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 4 (העפט 111) צענטער יאָרגאַנג אפריל 1949 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


ערב פסח שנת ת.ש.ג., די באלאדע פון לעצטן פיסטויל. צום טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד...... ** 1
די כנסת ישראל באַווײַנט די 6,000,000 — מנורה פון משה עובד 5
בדמיך חיי! (פראַגמענט פון אַ פּאָעמע פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד)........ אברהם פּנחס ציקערט 6
ארץ ישראל פּאַנאָראַמע, (נאָטיצן פון אַ רייזע)....דר. יעקב י. מייטליס 7
טונקלע טעג (דערציילונג).......א. מ. פוקס 11
מוז קומען צו אַ פאַרפרעמדונג צווישן מלוכה און גלות (עסיי).........לעאַ קעניג 15
נומיאל, דער מלאך פון שלאָף (ליד)..........משה עובד 19
דער הויקער (דערציילונג)..........ביטריס בעקערמאַן 21
ערב פרילינג סאָנעטן..........א. נ. שטענצל 27
היינריך גרעטץ און די יידישע געשיכטשרייבונג....פראָפ. משה שאַר 31
מיניסטער ר׳ איטשע מאיר..........שבתי שענפעלד 35
אַ סדר־אָונט מיט דר. הערצל..........מאיר טויבנהויז 38
לכבוד פסח (פאָלקלאָר)..........יחזקאל נח ערלעכמאַן 40
אין איראָפּע און ביי אונז אונטערן אויוון (צו דער 34־טער יאָרצייט פון י. ל. פרץ)..........אליהו פּאַלושאַק 45
די נייע „געפאַר" פאַר מדינת ישראל — יידיש.......הערש שישלער 48
אימפּאַזאַנטע פייערונג (לכבוד דעם צענטן יאָרגאַנג פון „לשון און לעבן")..........י. ביעטש 50
צו בן־א. סאַכאַטשעווסקי׳ס 60 יאָריקן יובילי..........י. ה. לעווי 52
לכבוד דעם בעל יובל נייטן ביטלער..........ס. פּאַלמע 57
דער יידישער וואַנדערער (ליד)..........אייזיק גאָלדבערג 59
די דיכטערין חוה ראָזענפאַרב (בילד).......... 61
גיכער אַן עקאָנאָמישע דערפאַרונג....ש. 62
די יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס.......... 64


## פרייז: 1 שילינג און 6 פּענים

אַבאָנענטס־פרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר
1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער


אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן". נאַראָד־פּרעס. 129-131 קאַוועל סטריט. לאָנדאָן. א.1.



## „די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון
מאָררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

## ירושלים

לידער פּאָעמעס באַלאַדעס
אַ בוך .פון 140 זייטן
פון
### א. נ. שטענצל

צו באַקומען
אין אַלע בוכהאַנדלונגען
אין ווייטשעפּל

פרייז: 7 שילינג און 6 פּענס

פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט
פון דעם
ארבעטער־רינג
22, עלי סטריט, אַלדגייט, א.1.
יעדן דאָנערשטיק 7.30 אָוונט
און
יעדן זונטיק 6.30 נאָכמיטיק
קומען פאָר
אינטערעסאַנטע באַלערנדיקע

## רעפעראַטן לעקציעס

איבער וויכטיקע קולטורעלע פּאָליטישע
ליטעראַרישע און אַלגעמיינע ענינים

וועגן אַלע איינצלהייטן זיך צו ווענדן
צום גענעראַל־סעקרעטאַר:

וועד אַ מיטגליד פון ארבעטער רינג

די סוף־חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"
זונטיק 27־טן מערץ 8 אָוונט
אין לאָקאַל פון

## „בן־אורי" קונסט גאַלעריע

14 פּאָרטמאַן סטריט וו.1.

## משל און סאַטירע אין דער יינגער יידישער ליטעראַטור

עס וועלן זיך באַטייליקן מיט רעציטאַ־
ציעס און רעדעס:
אייזיק גאָלדבערג, י. ביעטש, אליהו פּאַ־
לושאַק, נעט רובין און דאָראַ דימאַנט
אַריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי פאַר מיטגלידער!
1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער
זיסע טיי און צובייסן



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St, London, E.1*